מזל טוב קרית יואל!

תתחדש

"שכונת ויואל משה"

גרעסטע קאפיטל פון הרחבת גבולי הקדושה
אינערהאלב עיר גדולה לאלקים "קרית יואל"

ערשטהאנטיגע דעקונג
און אפשאצונגען
צום פייערליכן
פתיחת שערים בס"ד

ערשיינט דורך:
הקריה

ניסן תשפ"ב

ברוך שהחיינו והגיענו, כי עתה הרחיב ה' לנו - קול נשמע בכל גבולך, הרחיבי מקום אהלך:

עיר רבתי "קרית יואל" שטייגט פון ריזיג צו גיגאנטיש בליעה"ר מיט פייערליכע עפענונג פון נייע "שכונת ויואל משה"

מזמור שיר חנוכת הבית: תושבי קרית יואל וואונטשן א הערצליכע 'ברוכים הבאים' פאר די פולע גליקליכע משפחות תושבי השכונה לקביעת משכנם בתוככי השכונה המפוארה | פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה קה: צוויי בתי מדרשים דקהל יטב לב געעפנט אינאיינעם מיט די נייע געגנט לשמחת לב כל הקהל הקודש | כמה גדולים דברי חכמים: ווייטער בליק און הייליגער איסדרוק פון רביהקוה"ט זי"ע מייסד הקרי' פארווירקליכט!

מזל טוב קרית יואל! תתחדש שכונת ויואל משה!

אין די יעצטיגע תקופה צייכנט אפ "קרית יואל" אן היסטארישער מאמענט מיט'ן פארווירקליכן די גרעסטע קאפיטל פון הרחבת גבולי הקדושה אין די 50 יעריגע היסטאריע פונעם שטאט, נאכדעם וואס דער מעגא דעוועלאפמענט "שכונת ויואל משה" – וואס האלט שוין געשפאנט דעם ציבור עטליכע יאר - האט בסייעתא דשמיא געעפענט אירע טויערן און אנטפאנגען די ערשטע גליקליכע משפחות וועלכע האבן זיך שוין ב"ה איינגעצויגן אלס תושבי השכונה.

דער "שכונת ויואל משה" פראיעקט ברעכט היסטאריע אויף אלע פראנטן; ס'איז נישט נאך א 'דעוועלאופמענט' אין קרית יואל, ס'איז נישט נאך עטליכע דירות אדער אפאר געסעלעך, נאר א 'גאנצע שטאט'...! ממש ווי א שטאט פאר זיך! סיי בכמות מיט'ן ריזן צאל דירות און גאסן וואס ווערן אי"ה דא אויפגעבויט, און סיי באיכות מיט די פילצאליגע פראיעקטן און סערוויסעס וואס ווערן אי"ה צוגעשטעלט אויפ'ן פלאץ, אלע צרכי הציבור, די רוחניות'דיגע אינפאסטרוקטשור פון בתי מדרשים, מקוואות, היכל התורה ועוד ועוד, אינאיינעם מיט די פילע גשמיות'דיגע צוגעהערן, ווי טראפיק און סעיפטי איינריכטונגען, גראסעריס, ביזנעס-סענטער און נאך, אלעס אויפ'ן העכסטן אופן לשמחת לב תושבי השכונה, און באזונדער אויך מיט'ן אייגנארטיגער הויכע-קוואליטעט מאטריאל און דויערהאפטקייט, אויף וואס עס איז געלייגט געווארן א ספעציעלע פריאריטעט.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו - שוין דורך לאנגע יארן וואס יעדער פארבייפארנדער איד אויפ'ן סטעיט פאליס ראוד האט ארויסגעקוקט מיט האפענונג אויף דעם ריזן באדן וואס וועט נאך 'אמאל' אריינקומען אין די גבולי הקדושה און ווירבלן מיט אידישע קינדער; שוין יארן וואס מ'רעדט, מ'טראכט און מ'פלאנירט וויאזוי צו אנטוויקלן דעם שטח; שוין אויך פארביי אפאר יאר זינט די היסטארישע נייעס איבער דער 'אפקויף פונעם שטח' איז געבראכן געווארן; שוין עטליכע יאר פארביי וואס מ'אינוועסטירט צענדליגער מיליאנען דאלאר און ס'גייט אן העפטיגע קאנסטראקשאן אויף דעם בוי-זאנע; און אצינד "ברוך שהחיינו והגיענו לזמן הזה"; יא! ס'איז שוין מער נישט קיין חלום, מער נישט קיין פלאן, מער נישט קיין ערווארטונג, נאר אווירקליכער מציאות בסייעתא דשמיא וואס נעמט יעדן אדורך מיט איבערגענומענע געפילן!

שכונת ויואל משה איז שוין אפען! די הייזער שיינען שוין ארויס מיט א ליכטיגקייט; די גאסן ווירבלן שוין מיט קינדער-געבענטשטע משפחות בליעה"ר; ס'קלינגט שוין ארויס א קול תורה ותפלה פון די בתי מדרשים דקהל יטב לב; כמעט טאג-נאך-טאג ציען זיך אריין נאך משפחות און ס'ווערט מער און מער באזעצט אלס אן עיר גדולה לאלקים – כן ירבה וכן יפרוץ!

דער מאסיווער הרחבת גבולי הקדושה

דעמאנסטרירט אויף א ספעציעלן פארנעם כחו וזכותו של אותו זקן, רבינו הקדוש והטהור זי"ע, דער מחולל ומייסד הקריה, וואס באגלייט פון אויבן זיין הייליגער שטאט, זיין לעבנס-וואונטש וואס ער האט אויפגעבויט מיט גרויס מסירת נפש, כי לא תשכח מפי זרעו, ובפרט ווען די רעדע איז פון דעם שטח הענקי, אויף וואס דער רבי זי"ע האט פערזענליך נאך אויסגעדרוקט הסכמתו ורצון קדשו "אז מ'זאל אפקויפן דעם שטח" – אפילו ס'איז דעמאלטס געווען אויף די אנדערע עק שטעטל – "ווייל דא וועלן נאך וואוינען טויזנטער אידן"... א מאמר נורא וואס צייגט באשיינפערליך ווי דער הייליגער רבי האט זיך געזארגט פאר'ן עתיד פון קרית יואל און ס'איז געווען רוח הקודש הופיע בבית מדרשו; א פלא'דיגער אויסדרוק וואס ווערט היינט צו טאג נתקיים אויף א קלארן פארנעם!

תהלה לקל יתברך, בכחו של אותו זקן ובזכותו ובכחו פון ממשיך דרכו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע ובהדרכתו ובכח הנהגת קודש פון להבחל"ח דער רועה נאמן און מרא דאתרא קדישא, כ"ק מרן רבינו הגה""ק שליט"א איז קרית יואל זיך צעוואקסן און צעבליהט אויף א געוואלדיגן פארנעם, בכמות ובאיכות ווי ס'פאסט פאר רבי"נס שטאט, לנחת רוחו הטהורה בגנזי מרומים.

מגלגלין זכות ע"י זכאי! – זכה הרבני הנגיד המפואר בונה עולמות של תורה ויראה הרה"ח ר' עקיבא הערש קליין הי"ו, וועלכער האט געטון הלכה למעשה, אריינגעשפרונגען אין אזא היסטארישן אונטערנעמונג און פאקטיש אויסגעפירט רצון קדשו פון רביה"ק זי"ע, צו אקאמאדירן דער בליה און וואוקס פונעם עיר רבתי קרית יואל.

עס געדענקט זיך נאך גוט די שווערע דירות-קריזיס וואס האט געפירט צום אנטוויקלונג פון דעם ריזן באדן. עס האט זיך געשפירט אין דער לופט א דרינגענדע געברויך נישט בלויז פאר נאך א בנין און נאך א דעוועלאפמענט, נאר פאר א מאסיווע אונטערנעמונג וואס זאל ברענגען א גרויסע דערלייכטערונג אין שטאט.

דעריבער איז טאקע אויפגענומען געווארן כמים קרים די דערפרייענדע נייעס אז ר' עקיבא הערש האט באשלאסן אריינצושפרינגען אינעם גאר קאסטבארן פראיעקט און פאר'ן אסטראנאמישן סומע פון ווייט העכער הונדערט מיליאן דאלאר אפגעקויפט דעם ריזן 70 אַקער-לאַנד-באָדן – וואס איז לאנגע יארן שוין געווען "אין" די גרעניצן פון קרית יואל – אזוי אז ס'איז מעגליך געווען צו קענען זאפארט אנהייבן מיט די בוי ארבעט און אהערשטעלן א פרישע פלייץ פון הונדערטער הערליכע דירות און אלע הצטרכות'ן בגשמיות וברוחניות כראוי וכיאות עצהי"ט.

דער הערליכער דעוועלאפמענט איז אהערגעשטעלט דורכ'ן בארימטן דעוועלאפער און בוי-מייסטער, בונה ומקים בתים נאמנים בישראל, המאי"ר לארץ ולדרים, הרבני הנגיד ר' מאיר יעקב אינדיג הי"ו, מיט זיין ערפארענע שטאב – די "עם-ווי-עם מענעדזשמענט" – וועלכער האט שוין א רייכע רעפוטאציע פון צענדליגער יארן אלס דער בוי-מייסטער וואס האט שוין אויפגעבויט שווערע הונדערטער דירות אין קרית יואל, און זענען געווען די ריכטיגע שלוחים אויסצופירן מכח אל הפועל די גיגאנטישע פלענער און אהערשטעלן די הונדערטער דירות, הערליך און פרעכטיג, מיט די העכסטע

קוואליטעט, צו די צופרידנהייט פון אלע קליענטן.

די ווילידזש פירערשאפט און פלאנירער האבן געארבעט האנט-ביי-האנט מיט די דעוועלאפער דורכאויס די גאנצע צייט, צו פארזיכערן אז די געגנט ווערט געבויט און אהערגעשטעלט אויפ'ן בעסטן און מערסט-פראקטישן אופן אין אלע געביטן, ברוחניות ובגשמיות, סיי אין באקוועמליכקייט, שיינקייט, רואיגקייט און זיכערהייט.

באזונדער איז שטארק אינסטרומענטאל געווען דער דינאמישער שליח ציבור, העסקן הדגול הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו, מנהל הקרי', וועלכער האט באגלייט דעם היסטארישן פראיעקט אויף טריט און שריט מיט זיין לאנגיעריגע עקספערטיז אינעם אנטוויקלונג פון דער שטאט קרית יואל, און מיט זיין ברייטע וויזיע אויפ'ן לאנג-טערמיניגן עתיד.

די הערליכע און קעגנזייטיגע צוזאמענארבעט האט טאקע געברענגט די העכסט-געוואונטשענע פירות מיט'ן אהערשטעלן א געגנט אויף א שלימות'דיגן אופן, ווען אלע צרכי ציבור וואס פארלאנגט זיך פאר אזא ריזיגע געגנט, זענען ב"ה צוגעשטעלט געווארן על צד היותר טוב פאר די טובה און באקוועמליכקייט פון אלע תושבים.

בו בעת וואס מ'האלט שוין אינמיטן די העפטיגע בוי-ארבעט אהערצושטעלן דעם צענטראלן גרויסן בנין הביהמ"ד דקהל יטב לב, דער תל תלפיות פונעם געגנט און ס'פיבערן אויך שטורמישע פלענער איבער נאך א רייע גראנדיעזע פראיעקטן, האט מען אבער צוערשט אהערגעשטעלט נויטיגע מקומות לתורה ולתפלה ולטהרה, אלס דער יסוד פונעם געגנט.

אויפ'ן סטראטעגישן פלאץ, אין צענטער פון די שכונה,ביים ארייגאנג פונעם סטעיט-פאליס-ראוד, נעבן דער ארט וואו ס'ווערט אויפגעבויט דער גרויסער ביהמ"ד אויף די באר שבע גאס, האט מען צוזאמגעשטעלט מיט טרעילארס א צייטווייליגער ביהמ"ד, אויסשטאפירט מיט אלע געברויכן, צו דינען דעם זאפארטיגן געברויך פונעם ציבור אויף א באקוועמען פארנעם. אזוי אויך איז געגאסן געווארן א כשר'ע מהודר'דיגע מקוה אויפ'ן פלאץ, למען טהרתן של ישראל, צו האבן שוין אין באנוץ מדי יום ביומו ומדי שבת בשבתו.

באזונדער איז געווארן אהערגעשטעלט א קלענערע פרעכטיגער ביהמ"ד דקהל יטב לב אויף די אוסטראה גאס, הערליך צוגעשטעלט און אויסשטאפירט מיט אלע צוגעהערן, צום באנוץ פון די איינוואוינער אויף די דארטיגע גאסן.

אלע יסודות'דיגע און קהל'ישע פראיעקטן לתורה ולתפלה ולטהרה ווערן דורכגעפירט מיט די מיטארבעט פון די הנהלת הקהלה, בהדרכתו ובברכת קדשו פונעם מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א און הגה"צ הדומ"ץ דמתא שליט"א, אשר על פיהם ישק כל דבר, ודבריהם נר לרגלם פון די הנהלת הקריה והקהלה, כדי צו פארמירן און אויקשטעלן די נייע שכונה מיט א פעסטע רוחניות'דיגער כח אויפ'ן העכסטן סטאנדארט, כראוי לעיר הקודש "קרית יואל".

ושכונ"ה אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

"הקריה" אלול תשע"ו ברעכט די היסטארישע נייעס פון הרחבת גבולי קרית יואל!

די ערשטע קערנדלעך פון שכונת וויאל משה אנגעזייט שנת תשל"ט

תשל"ט:

רוח הקודש הופיעה בבית מדרשו: דא וועלן נאך וואוינען 'טויזנטער אידן'....!

"אויב ח"ו משיח וועט נישט קומען במהרה, וועלן דא נאך וואוינען טויזנטער אידן".

מיט די דאזיגע הייליגע ווערטער האט דער הייליגער מחולל ומייסד קרית יואל, מרן רבינו הקוה"ט זי"ע זיך געזעגנט פון די הנהלת קרית יואל געציילטע טעג פאר'ן יום המר ווען ס'איז געווען הורם הנזר והוסר העטרה.

מעשה שהי' כך הי'. עטליכע וואכן בעפאר דעם רבי'נס הסתלקות האט די דעמאלטסדיגע הנהלה פון קרית יואל זיך געוואנדן צום רבי'ן זי"ע מיט א שאלה, אז מ'האט זיי פארגעשלאגן אפצוקויפן א גרויסן שטח אין וואלד נעבן די סטעיט פאליס ראוד, עפעס וואס איז יענע צייטן געווען ווייט אוועק פונעם 'שטעטל' וועלכע האט דאן אנגעהויבן צו אנטוויקלן אין וואס מ'האט דאן גערופן "סעקשאן-1, 2, און 3", די גאסן פון קוויקוועי, אפטא, לובלין, אא"וו. דער דיעל איז געווען א גוטער דיעל אבער די הנהלה האט געקווענקלט צי מ'זאל בכלל ארייננטאנצן דערין, ס'האט אויסגעזען ווי ס'איז קיינמאל נישט קיין מציאות אז מ'זאל אמאל אנקומען אהין. מ'האט געקלערט אז אפשר וועט מען קענען דארט דעוועלאפן קאמערציאלע געביידעס פאר ביזנעסער וכדו'.

נאך א לענגערע אסיפה צווישן זיך איז געבליבן אז מ'וועט זיך ווענדן צום רבי'ן זי"ע צו זיין דער מכריע. די הנהלה איז אריין צום רבי'ן אנפרעגן, אבער ס'איז געווען א פלא, דער רבי האט נישט געענטפערט אויפ'ן פלאץ נאר געזאגט אז ער וועט ארייננטראכטן דערין און זיי זאלן צוריק קומען נאך א תשובה. אזוי האט זיך געצויגן א היפשע ווײַלע און ווען מ'האט נאכאמאל איבערגעפרעגט דעם רבי'ן, האט ער זיי אפגעשטופט און געזאגט אז ער האט נאכנישט

קיין ענטפער.

דאס האט זיך אזוי געצויגן ביז די סאמע לעצטע וואך פאר'ן הסתלקות, ווען דער רבי זי"ע האט מיטאמאל צוגערופן די הנהלה און זיי געזאגט "איך בין ענק נאך שולדיג אן ענטפער וועגן אפקויפן די באדנס, איך זאג אייך איר זאלט עס אפקויפן און זיך גארנישט זארגן, ווייל אויב משיח וועט ח"ו נישט קומען במהרה, וועלן דא נאך וואוינען טויזנטער אידן". (ענליכע דיבורים וואס דער רבי זי"ע האט געלאזט פאלן בעת'ן אויפשטעלן דעם גרויסן ביהמ"ד אין קרית יואל).

ווי גרויס איז די זכי' פון הרבני הנגיד המפואר ר' עקיבא הערש קליין הי"ו, וועלכער האט זוכה געווען צו זיין דער שליח נאמן אויסצופירן רצון קדשו פון הייליגן רבי'ן זי"ע און בפועל אנטוויקלן דעם ריזן באדן פאר "טויזנטער אידן"! - אשרי לו ואשרי חלקו!

תשמ"ג:

כי ירחיב ה' את גבולך: אריינגעברענגט אין קרית יואל דורך "אנעקסעישאן"!

געציילטע יארן נאכ'ן הסתלקות פון רבי'ן זי"ע, אין יאר תשמ"ג, ווען ממלא מקומו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט איבערגענומען די הנהגת העדה ביד רמה, האט דער רבי זצ"ל ווייטער געהאלטן 'קרית יואל' גאר נאנט על לוח לבו אלע יארן, ווי ס'געדענקט זיך גוט די אומצאליגע אויסדרוקן און פעולות שונות בחיבה יתירה ובמסירת נפש, פאר'ן קיום והצלת הקריה.

און אויך אין יענע ערשטע יארן, ווען ס'האט אנגעהויבן אויסקוקן כאילו די גאנצע הארעוואניע פונעם גרויסן פעטער זי"ע אויפצושטעלן 'קרית יואל' גייט חלילה לטמיון, מענטשן האבן זיך אוועקגעצויגן, ווייניג נייע איינוואוינער זענען ארויסגעקומען, מ'האט זיך כסדר אנגעשטויסן אין פרישע שטרויכלונגען, האט אבער דער רבי דער ברך משה זי"ע נישט נאכגעלאזט נאר פארגעזעצט צו מארשירן פאראויס, אויפצובויען און באפעסטיגן דעם פעטער'ס שטאט ביתר שאת ויתר עוז.

צווישן אנדערן האט דער רבי זי"ע דאן באאויפטראגט די הנהלת הקרי' דורכצופירן דעם ערשטן "אנעקסעישאן", וואס האט אריינגעברענגט פרישע הונדערטער אקער לאנד אינערהאלב די גרעניצן פונעם קרית יואל ווילעדזש, וואס ס'איז שוין דאן געווען קלאר פאר יעדן רעכטדענקענדן מענטש אז דער איינציגער וועג צו קענען אויפבויען אין שטאט גענוג הייזער, באגלייט מיט אלע נויטיגע סערוויסעס וואס פארלאנגט זיך פאר א שטאט פון ערליכע אידן יראים ושלמים, איז נאר דורך אריינברענגען גענוג און נאך שטחים אינערהאלב די ווילעדזש גרעניצן.



הרחבת גבולי הקדושה

הפעולות האחרונות בימי חייו של רבינו אודות קרית יואל הי' הרחבת גבולי קרית יואל, שהנהלת הקריה קנו אז שטחים גדולים מסביב להקריה.

כאשר הציעו את השטחים (הנמצאים ברחוב שנמצא הסטעיט פאליס) נתאספו ר' לייבוש נ"י ור' שלמה מיכל ור' משה נ"י בבית מסחרו של ר' משה ברחוב 47 ודנו אז בדבר קניית השטחים ולא באו לידי החלטה, והוקבע ביניהם שישאלו את רבינו ז"ל והוא יקבע ויכריע בדבר.

כשנכנסו לבית רבינו והציעו לפניו את שאלתם לא ענה להם רבינו דבר על אתר ואמר להם שיעיין בדבר ויחזור להם תשובה בזמן מאוחר, ונמשך הדבר זמן רב וכל אימת שנכנסו לרבינו לשאול את דעתו בזה ענה להם שעדיין לא חשב בדבר ויתן להם תשובה בזמן מאוחר, וככה נמשך הזמן עד השבוע האחרונה לחיי רבינו ז"ל, שרבינו ראה את ר' שלמה מיכל ור' משה וקראם לפניו ואמר להם הנני חייב לכם תשובה אודות קניית השטחים והנני מצוה לכם

רצון צדיק | רפז

שתקנו את השטחים בשעטומ"צ ואל תדאגו כלום. ואמר אז בפ"ק (כאשר אמר בבית המדרש הגדול) ש"באם ח"ו לא יבוא משיח במהרה בימינו אז ידורו כאן אלפים מישראל" כ"י.

בתוך כך נפלה עטרת ראשינו וחשכו המאורות, רבינו הקדוש עלה למרום, ותכף אחר כלות השבעה קיימו הנהלת קרית יואל את דברי רבינו ז"ל וקנו את השטחים.

לעשות רצון צדיק! דעם רבי'נס באפעל געציילטע טעג פאר די הסתלקות

צווישן אנדערן האט מען דאן אויך אריינגעברענגט ביתו נאוה קודש פון רבי'ן זצ"ל אויף אוהעל קאורט אריין אין די גרעניצן פונעם קרית יואל ווילעדזש, און ס'איז נאך ביז היינט פארבליבן חתימת יד קדשו אויף די אנעקסעישאן אפליקאציע.

אין די זעלבע צייט האט דער רבי זצ"ל באפוילן אז אויך דעם ריזיגן שטח וואס די הנהלת הקרי' האט דאן פארמאגט נעבן דעם סטעיט פאליס ראוד זאל ווערן אריינגענומען אין די ווילעדזש גרעניצן, אויך מיט דעם זעלבן גייסט ווי רביה"ק זי"ע האט פאראויס געזאגט, אז אויב משיח וועט נישט קומען פריער דאן וועלן אויך די דאזיגע 'ווייטע' שטחים ווערן אנגעפילט מיט טויזנטער בתים נאמנים לה' ולתורתו הקדושה.

תשע"ז:

בורא עולם בקנין: "שכונת ויואל משה" קומט ארויף אויף די מאפע!

העכער דרייסיג יאר איז שוין אריבער זינט דאן. אינצווישן האט דער רבי זי"ע ארויף געשטעלט בנו הגדול מרן רבינו שליט"א אויפ'ן כס ההנהגה צו פירן די הייליגע שטאט קרית יואל בעוז ותעצומות, און אונטער די הנהגה פון רבינו שליט"א איז דאס

'שטעטעלע' געווארן א ריכטיגער עיר ואם בישראל מיט טויזנטער משפחות בלעה"ר כ"י, און עס שפרודלט א ריין אידיש לעבן וואס וואלט נישט פארשעמט די שענסטע קהלות קדושות בישראל פון דער אלטער היים, טויזנטער בתים נאמנים על דרך הסלולה לנו מרבותינו זי"ע מיט הערליכע פארצווייגטע מוסדות התורה והחינוך לאלפי בנים ובנות בליעה"ר.

ס'איז געקומען צו א מצב אז יעדער איינציגער שטח אין קרית יואל איז שוין געווארן פארנוצט אויפצושטעלן דירות פאר תלמידי וחסידי סאטמאר, מ'האט שוין גענומען ארייננשטופן דירות אין יעדן ווינקל. אלטע הייזער ווערן אראפגעווארפן און אויף זייער ארט קומען ארויף גרויסע פראיעקטן פון צענדליגער דירות. וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט דערקענט זיך צייכענעס פון בוי-ארבעט, און מיט דעם אלעם קען מען נישט נאכקומען דעם כסדר וואקסנדן פארלאנג בלעה"ר.

די געטרייע הנהלת הקרי', די עוסקים בצרכי ציבור באמונה אונטער די הדרכה פונעם רבי'ן שליט"א, דער מרא דאתרא, האבן זיך גענומען פלייסיג ארבעטן צו אנעקסירן פרישע גרויסע שטחים אריין צו די גרעניצן פון קרית יואל כדי צו לינדערן דעם שווערן מצב נאך לאנג בעפאר עס האט דערגרייכט א שטאפל פון קריזיס, וואס צוליב דעם סופליי מאנגל האט דאס אויך געברענגט א שטארקע שטייגונג אין פרייזן, אבער צוליב שטערונגען מבית ומבחוץ איז דער אנעקסעישאן פראצעדור ארייגעשלעפט געווארן אין די געריכטן און דערוויל איז דער קריזיס געשטיגן צו אויסנאמליכע פראפארצן.

בלויז 'איין גרויסער שטח' איז מאמענטאל פארבליבן אין ווינקל פון קרית יואל וואס איז נישט געווארן דעוועלאפט, אויף וואס מ'האט שוין לאנג ארויסגעקוקט אז מ'זאל זיך שוין נעמען ארבעטן אויף דעם שטח.

ענדליך, האט מען ב"ה דערגרייכט דער פרייליכער מינוט: כ"ו אב תשע"ו, טאקע בהאי יומא דקגרים, פונקט אינעם יומא דהילולא קדישא פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע מייסד העיר, האט דער רבי זי"ע זיך געמיעט בגנזי מרומים און מ'האט באוויזן אז דער מקח איז געקומען לידי גמר, אויספירנדיג דערמיט רצון קדשו, נאכדעם וואס הרבני החסיד הנגיד המפורסם מוה"ר עקיבא צבי קליין הי"ו האט מצליח געווען צו אפקויפן דעם גאנצן באדן.

די פריידיגע בשורה איז געמאלדן געווארן מיט גרויס התרגשות דורכ'ן רבי'ן שליט"א ביי די יארצייט סעודה במקהלות אלפי ישראל, טוענדיג דערביי קובע זיין דעם נאמען פון די נייע שכונה מיט'ן הייליגן נאמען "ויואל משה", על שם ספר הקודש 'ויואל משה', לזכר נשמתו הטהורה פונעם גרויסן בעל הילולא זי"ע, מייסד הקרי', וועלכער האט זיך אזויפיל געמיעט פאר קרית יואל און טאקע פאר דעם דאזיגן שטח בפרט, צו פארזיכערן אז טויזנטער אידישע קינדער זאלן אנפולן דעם באדן מיט קדושה וטהרה פון הייליגע ליכטיגע אידישע שטיבער.

בְּשַֽׂרְתִּי צֶדֶק בְּקָהָל רָב:

היסטארישע בשורה טובה און קביעת שם "שכונת ויואל משה" דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א

מדברות קודש ביים צענטראלן סעודת הילולא פון רביה"ק זי"ע, כ"ו אב תשע"ו, בביהמ"ד הגדול קרית יואל

"... דער פעטער ז"ל האט מייסד געווען דער שטאט דא קרית יואל, בסוף ימיו. ער האט אזויפיל זיך געפלאגט, ס'איז אנגעקומען מיט אזויפיל יגיעות און טירחות ביז ער האט געזען פרי ברכה בעמלו און צוגעזען מיט די אייגענע אויגן ווי ס'בויעט זיך קרית יואל.

דעמאלטס תשל"ט, בימים ההם איז עס נאך געווען א קליין ישוב. יעדע נייע הויז וואס האט זיך געבויעט דא און יעדער נייער תושב וואס האט זיך באזעצט דא, איז אים געווען א משיבת נפש, א דערקוויקעניש; ער האט געזען אז דאס וואס ער האט זיך אזוי געפלאגט ווערט אויסגעפירט.

יעדער פארשטייט און ווייסט וואס זיין כוונה איז געווען. ער האט זיך נישט געזארגט אז אין שטאט איז נישטא גענוג גרינע גראז אדער פארטשעס, נאר ער האט זיך געזארגט אויפ'ן רוחניות פון אנשי שלומו, די טריפה'נע גאסן, וואס מ'דארף דורכגיין אינדערפרי און ביינאכט, ווען מ'קומט און מ'גייט, וואס היינט איז נאך ליידער פיל ארגער די גאסן ווי ס'איז געווען דעמאלטס.

ברוך השם, ס'איז נתרחב געווארן די גבולי הקדושה דא און קרית יואל איז אויסגעוואקסן א שטאט, אזוי ווי ווען מ'האט אים געזאגט אז ס'איז א שיין 'שטעטל' האט ער געזאגט נישט שטעטל נאר שטאט, ס'איז א 'שטאט'.

קרית יואל איז אויסגעוואקסן א עיר ואם בישראל. היינט צו טאגס איז דא אין קרית יואל בערך פינף טויזנט משפחות בלי עין הרע, כן ירבו.

ב"ה ס'בויעט זיך קרית יואל, מ'בויעט פרישע גאסן, פרישע הייזער, און מ'האפט אז בלויז אין קומענדיגן יאר וועלן צוקומען כאטש נאך פינף הונדערט משפחות בליעה"ר, לויט וויאזוי ס'קוקט יעצט אויס בעזר שמו יתברך.

דאס איז געווען דער ציל פון פעטער ז"ל, זיין לעבנס-ציל געווען, אז דער ישוב זאל וואקסן בכמות ובאיכות, וואו אידן זאלן קענען וואוינען, בלויז ערליכע אידן, אפגעזונדערט פון די גוי'אישע גאס און פון די אידישע גאס.

ב"ה, אלע תושבים דא אין דער שטאט, זענען יראים ושלמים, ערליכע בעלי בתים, שומרי תורה ומצות כראוי, וואס פירן זיך בחסידות, חינוך הבנים והבנות, צניעות און כשרות; די בתי מדרשים אנגעפילט מיט לומדי תורה און מתפללים, מ'שטייט אויף פארטאגס, מ'זעהט אזויפיל אידן לערנען, וואס מ'זעהט נישט אין די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אויף ווייטער, מ'האפמיר אז ס'איז לקורת רוחו פונעם פעטער, דער בעל הילולא זי"ע, וואס שמו נקרא עליו אויף דער שטאט.

איך וויל דא מבשר זיין א בשורה טובה, א פרייליכע בשורה פאר אלע תושבי העיר. היינט צו טאג ביומא דהילולא רבה איז געראטן פאר איינער פון די חשוב'ע בעלי בתים דא אין דער שטאט

(הרבני הנגיד המפורסם עושה צדקה וחסד לטובת הכלל והפרט הרה"ח ר' עקיבא הערש קליין הי"ו, חבר הנהלת מתיבתא הק')

אפצוקויפן א גרויסן שטח, רחבת ידים, וואס מ'קען אויף דעם אויפבויען קרוב צו 2,000 דירות.

... ס'וועט זיין א גרויסע הילף פאר אלע אנשי שלומינו בכל אתר ואתר; מ'וועט קענען צוקומען צו א דירה דא אין קרית יואל, עיר התורה והחסידות, ווער ס'וויל.

ס'איז דא א חסרון אין דירות אין אלע מקומות וואו אנשי שלומינו וואוינען, וואו חסידי'שע אידן וואוינען, און דאס ברענגט אז די דירות שטייגן זייער שטארק און ס'גייט זייער ארויף, מ'קען זיך גארנישט פארשטעלן ווי ווייט ס'שטייגט. יעצט אז מ'האט אפגעקויפט אזא שטח און מ'גייט אי"ה בויען קרוב צו 2,000 דירות, האפט מען אז ס'וועט אביסל צוימען דאס התייקרות פון די דירות, איז עס א יום בשורה, א בשורה טובה פאר אלע אנשי שלומינו.

דאס איז חוץ די שטחים וואס זענען אויסער די גבולות פון קרית יואל, וואס מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האפט מען אז דאס וועט אויכעט צוקומען קיין קרית יואל, נאר צו אונזער ווייטאג ווערט עס אויפגעהאלטן דורך די גוי'אישע שכנים, וואס זיי האבן פיינט א איד, זיי קענען נישט צוקוקן ווי א אידישער ישוב וואקסט און בליעט, זיי האבן אריינגעגעבן קלאגעס אין געריכט, מ'ווארט יעדן טאג א גוטע בשורה פון דארט אויכעט. אונז האף מיר בזכות פון פעטער זכרונו לברכה דער מייסד הקרי', אז דער פסק אין געריכט וועט זיין לטובתינו, און ס'וועט נתרחב ווערן די גבולי הקדושה לשמחת הלב פון אלע תלמידים פונעם פעטער זכרונו לברכה ואנשי שלומינו.

דער זכות פון פעטער זכרונו לברכה דער מייסד הקרי' וועט ביישטיין פאר די אלע עסקנים וועלכע זענען עוסק אין דעם ווייל זיי זענען ממלא רצון קדשו, און היינט אז ביומא דהילולא איז געשען אזא גוטע זאך אין א גוטע שעה, איז עס א סימנא טבא אז דאס איז געשען ביומא דהילולא, איז עס א בשורה טובה פאר אלע אנשי שלומינו.

די נייע שכונה וועט אנגערופן ווערן "שכונת ויואל משה" על שם ספה"ק ויואל משה וואו ער איז מבאר באורך די הייליגע שיטה, וועט דאס אודאי זיין א נחת רוח בעולם העליון..."

תשפ"ב:

מזמור שיר חנוכת הבית: "שכונת ויואל משה" אנטפאנגט אירע תושבים!

נאך קרוב צו זעקס יאר זינט'ן אפקויף פונעם שטח, נאך די לענגערע גאלאפירנדע קאנסטראקשאן און נאך די אומערווארטעטע שטרויכלונגען אויפ'ן וועג מצד די קאונטי רעגירונג איבער סוער, און צום לעצט די לאנג-פארצויגענע ביוראקראטישע סיקר"ע פראצעדורן פון די 'או-ענד-אר' פירמע, איז מען אצינד ב"ה זוכה לראות ברכה בעמלינו, ווען גרויסע חלקים פון פאזע #1 ווערט שוין באזעצט דורך די חשוב'ע משפחות; ליהודים היתה אורה!

די עפענונג פון "שכונת ויואל משה" ברענגט נישט בלויז א דערלייכטערונג פאר די 'תושבי השכונה' זעלבסט, נאר פאר'ן גאנצן שטאט, האפענדיג בעזרת השי"ת צו ברענגען א היבשע דערלייכטערונג אינעם אומדערטרעגליכן דירות-קריזיס וואס פלאגט שוין לאנג דער שטאט, ובפרט אין די לעצטערע תקופה ווען ס'איז שוין ממש כלו כל הקיצים.

די פתיחת שערים וחנוכת הבית פון די הערליכע גיגאנטישע "שכונת ויואל משה" איז אן קיין צווייפל אן אויסטערלישע שמחה מיט'ן מרחיב זיין די גבולי הקדושה אויף אזא היסטארישן פארנעם; ס'איז א שמחה פאר'ן גאנצן יהדות החרדית, ס'איז א שמחה פאר גאנץ סאטמאר, ס'איז א שמחה פאר גאנץ קרית יואל בפרט, און אוודאי געוויס א שמחה רבה פאר אונזערע הייליגע רבי'ס בגנזי מרומים, צוזעהנדיג ווי זייער שאיפה און רצון ווערט ב"ה פארווירקליכט!

כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ.

א שטאָט בתוך שטאָט

ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס עס ווערט געבויט א גרעסערע דעוועלאפמענט אין קרית יואל; ס'איז אויך נישט דאס ערשטע מאל וואס ס'ווערט געבויט נייע גאסן אין קרית יואל; און ס'איז ניטאמאל דאס ערשטע מאל וואס ס'ווערט געבויט א שפאגל-נייע שכונה.

עס איז אבער יא דאס ערשטע מאל וואס עס ווערט געבויט א נייע "שטאט" אין קרית יואל!

און מיר מיינען עס נישט אלס א באמבאסטישע פראז וואס צייטונג-שרייבער גלייכן צו נוצן, נאר אין פולסטן, פראקטישן זין פונעםווארט.

ווען מען האט אנגעהויבן ארבעטן אויף די פלענער פונעם גראנדיעזן פראיעקט - וואס וועט עווענטועל זיין די היים פאר נאנט צו צוויי טויזנט משפחות - האט די ווילידזש פירערשאפט פארשטאנען פון וואספארא מאסיווע פראיעקט עס רעדט זיך, און אלע כוחות זענען איינגעשפאנט געווארן אויסצופלאנירן דעם שכונה אויפ'ן בעסטן אופן.

יעדע אינטש אין דעם געגנט דארף ווערן געבויט מיט'ן חשבון אז ס'איז א חלק פון א נייע, זעלבסטשטענדיגע געגנט, וואס דארף קענען נאכקומען און סערווירן די טויזנטער תושבים אין די געגנט, מענער, פרויען, אינג און אלט.

די גאסן, די אינספאסטרוקטשור, די רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע אינסטיטוציעס, די סעיפטי איינריכטונגען, די טרעפיק, און נאך הונדערטער קלענערע און גרעסערע פרטים וואס דארפן זיך צאמקומען אינעם ריזן בילד און וועלן האבן א דירעקטע השפעה אויף די טאג-טעגליכע וואוילזיין און באקוועמליכקייט פון די תושבים.

און טאקע דורכאויס די גרונטליכע עפראוועל-פראצעדור זענען אויפגעברענגט געווארן פילצאליגע געדאנקען, באמערקונגען און דעטאלן, און לשבחם פון די חשוב'ע דעוועלאפער איז אונזער פליכט ארויסצוברענגען אז זיי זענען נאכגעקומען יעדע פרט ופרט באופן יוצא מן הכלל, בחפץ לב און בסבר פנים יפות, לטובת הציבור.

יעדער וואלט פארשטאנען אז א דעוועלאפער און ביזנעסמאן זוכט געווענליך ארויסצונעמען דאס מערסטע פון זיין געלט. מען שטעלט צו וואס מען מוז, און מען זוכט נישט אויסצוגעבן קיין געלט פאר איבריגע זאכן, ווער רעדט נאך ווען עס איז די רעדע פון שווערע מיליאנען דאלארן.

אבער ביי דעם היסטארישן פראיעקט האט דער פיאניר און "בונה העיר" הרה"ח ר' עקיבא הערש קליין הי"ו, ואתו עמו זיינע חשוב'ע שותפים און מיטארבייטער, זיך ארויסגעשטעלט מיט א מער-ווי-ערווארטעטער גרייטקייט און יעדע איינציגע זאך וואס די ווילידזש האט ארויפגעברענגט אז דאס וואלט געווען א טובה און תועלת פאר די תושבים פונעם געגנט איז פולקאם צוגעשטעלט געווארן נאך מער ווי הונדערט פראצענט!

זיי האבן נישט געזוכט צו טרעפן דעם וועג ארויס; נישט גענומען קיין "שארט-קאטס", און זיך ניטאמאל איינגע'טענה'ט איבער די וויכטיגקייט פון די אלע צרכי ציבור.

דערמיט האבן זיי איבערגעוויזן בלי ספק אז פאר זייערע אויגן איז ערשטנס כל געשטאנען די תועלת און העכסטע צופרידנהייט פון די טויזנטער תושבי השכונה, און די לאנג-טערמיניגע עתיד פון די טויזנטער משפחות און פילע טויזנטער קינדערלעך וועלכע וועלן נתחנך ווערן און אויפוואקסן אויף די ברייטע, הערליכע גאסן פון שכונת ויואל משה אין קרית יואל!

שכונת ויואל משה איז טאקע א "שכונה" אינעם קאנטעקסט פונעם עיר ואם בישראל "קרית יואל", אבער בעצם פאר זיך איז עס אין יעדן פראקטישן אספעקט א פולשטענדיגע שטאט מיט אלע סארט איינריכטונגען און צרכי ציבור וואס א אידישע שטאט דארף האבן.

אין די פאלגענדע בלעטער ווערט באשריבן א חלק פון די פילע איינריכטונגען, פראיעקטן, און בנינים וואס זענען ספעציעל געבויט געווארן בלויז פאר'ן געברויך פונעם "שטאט", בנוסף צו די טויזנטער הייזער וואס איז געבויט און פארקויפט געווארן פאר די צוקונפטיגע תושבים.

אנגעהויבן פון די רוחניות'דיגע בנינים, ווי א צענטראלער גרויסער בית המדרש פאר די געגנט מיט 7 חדרי התפלה; א ריזיגע היכל התורה און אוצר הספרים; א גרויסע לופטיגע מקוה מהודרה; 2 קלענערע שוהלן און מקואות; שמחה זאלן; מקוה טהרה; מהודר'דיגער עירוב; בית הוראה; ביז פילע באקוועמע בנינים און איינריכטונגען ווי ריזיגע סופערמארקעט מיט בוטשער\דעלי; גרויסע ביזנעס-צענטער; באס-סטאפס; שפיל-ערטער פאר די קינדער; פיס-גייער-בריק אריבערגאנג העכער'ן 105; 2 סעיפטי טרעפיק-לייטס; סוער-אינטערסעפטער; וואסער סטארעדזש-טאנק, און נאך.

דאס זענען בלויז דוגמאות פון די גרעסערע פראיעקטן הנראה לעינים, וואס איז על הכלל כולו יצא וויאזוי די דעוועלאפער זענען גרייט געווען אויסצוגעבן שווערע "מיליאנען" דאלארן מרצונם הטוב, צוצושטעלן יעדע מעגליכע געברויך וואס וועט זיין א בענעפיט ברוחניות ובגשמיות פאר'ן שטאט בתוך שטאט, און זענען דערפאר ראוי לשבח ולתהלה דורך אלע תושבים און אלע תושבי עיר קרית יואל.

אשריך בונה ומקים העיר!

וכאן המקום, אינעם יעצטיגן היסטארישן מאמענט, ווען שכונת ויואל משה עפנט אירע טויערן פאר די ערשטע פלייץ פון משפחות, אפצוגעבן דעם פארדינטן הכרת הטוב, דאנק און שעצונג, בשם די אלופי אלפי תושבי קרית יואל פאר'ן "בונה העיר", דער בארימטער פילאנטראפ, דער בונה ומקים עולמות של תורה וחסד, ובתים נאמנים בישראל, הרב החסיד ר' עקיבא צבי קליין הי"ו.

ר' עקיבא הערש איז אריינגעשפרינגען אין דעם היסטארישן, ברייטפארצווייגטן אונטערנעמונג מיט א ברייטע וויזיע. ער איז נישט געקומען בלויז ווי א בויער צו בויען דירות, ער איז געקומען ווי א וויזיאנער צו בויען א שטאט פאר אידישע קינדער, מיט א ווייטן בליק אויף פאראויס וויאזוי אזא גרויסע שכונה וועט זיך אנטוויקלען און בליען אין יארן ארום פון יעצט עד ביאת המשיח.

ער האט געוואלט אז יעדער ראש המשפחה זאל קענען דא וואוינען און לעבן אין א פילפארביגן, שפרודלדיגן אידישע ישוב מיט אלע צרכים; אז די עקרת הבית זאל האבן נאנט צום שטוב א סופערמארקעט און געשעפטן און אלע צרכים וואס א מאמע דארף; און אז די קינדער זאלן האבן וואו זיך צו אנטוויקלען און אויפוואקסן מיט אלעס וואס קינדער דארפן.

ועל כולם האט ר' עקיבא הערש אויך מנדב געווען מלבו הטוב א נייעם, גיגאנטישן בנין התלמוד תורה נישט ווייט פון דארט, און א פראכטפולע חתונה זאל פאר תושבי העיר, אזוי ארום אז ער אליינס האט געזארגט און צוגעשטעלט ממש יעדע פרט וואס עס פעלט נאר אויס פאר א אידישע שטאט, און נעמט ארום אלע שטאפלען און באדערפענישן פונעם ציבור.

עס איז באקאנט אין די היסטאריע פון כלל ישראל עטליכע בארימטע פילאנטראפן וועלכע האבן אויסגעטראטן נייע וועגן און געגרינדעט נייע ישובים וואס איז שפעטער אויסגעוואקסן אלס אידישע צענטערן פאר לאנגע דורות.

איינס פון זיי איז דער בארימטער שתדלן וטפסר, השר ר' משה מאנטיפיורי ע"ה, וואס האט אויפגעשטעלט פון פריש דעם אידישן ישוב אין ארץ הקודש, און גדולי ישראל האבן אים שטארק אויסגעלויבט פאר דעם. א לאנגע רייע פון נייע ישובים זענען אויפגעשטעלט געווארן דורך די איניציאטיוו פון ר' משה, וואס על שמו נקרא די שכונות "ימין משה", "זכרון משה", "קרית משה" און נאך, וואס איז געווען די גרונד-ציגלען פונעם בליענדן ישוב אין ירושלים, צפת און חברון.

עס איז קלאר אז דער נאמען פון ר' עקיבא הערש הי"ו וועט איינגעקריצט ווערן מיט גאלדענע אותיות בקורות העיר קרית יואל, אלס איינער פון די גרעסטע איניציאטארן וואס האט אזויפיל אינוועסטירט און אריינגעלייגט אויפצובויען אונזער שטאט און זארגן פאר איר לאנג-טערמיניגן וואוקס און הצלחה.

אתה הוא עקיבא ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו! שכרך הרבה מאד, ונאמן בעל מלאכתך לשלם לך שכר פעולתך.

הקריה

גאלאפירנדע פארשריט ביים אויפבויען דער צענטראלער בנין ביהמ"ד "בית אלעזר" דקהלתינו הק' אויף 12 באר שבע אין "שכונת ויואל משה"

גדול יהי' כבוד הבית הזה: גראנדיעזע בוי-פלענער פארשפרעכט אהערצושטעלן א פרעכטיגער מלכות'דיגער צענטער - צום ערשטן מאל אויף אזא גרויסן פארנעם זינט אויפבוי פונעם ביהמ"ד הגדול - צו דינען אלס דער צענטער-פונקט און תל תלפיות לתורה ועבודה וטהרה פאר די קרוב צו 2000 משפחות תושבי השכונה

מיט גרויס אימפעט ווערט דורכגעפירט די בוי-ארבעט ביים צענטראלן גרויסן בנין ביהמ"ד דקהל יטב לב אינערהאלב "שכונת ויואל משה", וואס ווערט אויפגעבויט אין צענטער פון די געגנט, הארט ביים ארייננאנג פונעם סטעיט-פאליס-ראוד.

ווי ביי אלע אנדערע פראיעקטן און נייע דעוועלאפמענטס איבער די לענג און ברייט פון די שטאט, האבן אויך דא די געטרייע הנהלת הקריה נאך פון אנהייב אן ביים אויסארבעטן די פלענער פון די געגנט, שוין גענומען אין באטראכט און גע'דאגה'ט אויך פאר'ן רוחניות'דיגן וואוילזיין פונעם ציבור, אויסארבעטנדיג פלענער פאר א גרויסן מקום תורה ותפלה וואס זאל פארפיגן פאר די תושבי השכונה.

ויזכר לטוב דער בונה ומקים השכונה, הרה"ח ר' עקיבא הערש הי"ו, וואס האט מרצונו הטוב מקדיש געווען א ריזן שטח פאר'ן געברויך פונעם ביהמ"ד, און ער האט גענומען אויף זיך אויסצוצאלן דעם גאנצן פראיעקט מהחל עד גמירא לתועלת די הונדערטער תושבי השכונה.

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט קורא שם געווען פאר'ן ביהמ"ד "בית אלעזר" על שמו פון הרה"ק ר' אלעזר קליין זצוק"ל אב"ד באר שבע, זיידע פונעם נדבן ובונה השכונה מו"ה עקיבא הערש הי"ו, וואס שטייט טאקע אויפ'ן גאס "באר שבע" וואס איז גערופן על שם דעם עיר האבות אין ארץ הקודש וואו ער האט געדינט אלס רב.

גדול יהי' כבוד הבית הזה! דער נייער גרויסארטיגער בנין ביהמ"ד "בית אלעזר" דקהל יטב לב אויף די באר שבע גאס אין "שכונת ויואל משה" פארשפרעכט אי"ה צו זיין די צווייט-גרעסטע ביהמ"ד אין שטאט, נאכ'ן צענטראלן ביהמ"ד הגדול. דער בנין וועט אי"ה דינען אלס דער צענטער און תל תלפיות לתורה ולתפלה פון די געגנט, אויסגעשטאט מיט אלע געברויכן בהרחבה גדולה, גרויס און באקוועם, נאכצוקומען דעם געברויך בליעה"ר.

לויט די פלענער קומט בעז"ה א גיגאנטישער בנין פון 4 גרויסע שטאקן; אינעם בעיסמענט שטאק א גרויסע מקוה, מקוה שטיבל, א גמ"ח שטיבל, כלים מקוה, בית הוראה, אפיסעס וכדו'; אויף די גראונד-פלאהר א ריזיגער היכל התורה און נעבן די ארייננאנג א קלענערע חדר התפילה צו ווערן באנוצט פאר מנינים אין אלגעמיינע זמנים ווען ס'איז נישט אין קראפט דער אפיציעלער סדר המנינים, אויף אזא שטייגער ווי 'חדר יחזקאל' אין ביהמ"ד הגדול, וואס איז בארימט מיט איר תועלת און שטארקע נוצן.

אויפ'ן דריטן שטאק וועט זיך געפינען דער גיגאנטישער היכל הביהמ"ד, וואס וועט אי"ה אנטהאלטן אזויפיל ווי אריבער 1,000 מענער-זיצן און פארנעמען די גרויסקייט פון 7,500 סקווער-פיס.

א ספעציעלער חידוש איז אויסגעארבעט געווארן מיט די ארכיטעקטן און דעזיינערס, אז דער היכל הגדול זאל במשך די וואכן-טעג קענען ווערן צעטיילט – דורך ספעציעלע רוק-ווענט – צו 6 גרויסע חדרים, און קארידארן אינצווישן, וואס וועלן אי"ה דינען פאר חדרי התפילה פאר די טעגליכע מנינים ערב ובוקר, וואס ברענגט מיט זיך א דריי-פאכיגע מעלה, סיי אז די שטיבלעך וועלן זיין הויך און ליכטיג, וואס ברענגט מער רחבות און ישוב הדעת צום דאווענען; סיי אז מ'וועט אויך קענען באנוצן די צימערן צו פארמאכן/עפענען לויט וויפיל ס'פעלט זיך אויס צום געברויך, פאר פארשידענע מסיבות, כינוסים און שיעורים, ועוד בו מעלה, אז מיט'ן אהערשטעלן די חדרי תפילה אויף דעם אופן שפארט מען זיך איין אסאך פלאץ ווי איידער צוצורישן די שטיבלעך אויף א באזונדערע שטאק, אזוי ארום וועט אי"ה דער בנין אויסגענוצט ווערן בשלימות צו יעדע זמן.

אויפ'ן פערטן שטאק וועט פלאצירט ווערן א גרויסע גאלעריע פאר'ן עזרת נשים מיט א גרויסע צאל פלעצער, וואס וועט אויך דינען אלס א באזונדערע חדר התפילה און דינען דער געברויך פאר פארשידענע צוועקן ווי ברית'ן, קידושים, חברת תהלים און וועט אויך קענען איינגערישט ווערן אלס א קלענערע "שמחה זאל" פאר די געגנט, ווי שבע ברכות וכד', לתועלת הציבור.

כמעשהו בפנים כך מעשהו מבחוץ; דאס זעלביגע פון אינעווייניג ווערט אויך געלייגט א געוויכט אז דער בנין און סטרוקטור פון אינדרויסן זאל ווערן אהערגעשטעלט ברוב פאר והדר כראוי וכיאות לרומם בית אלקינו. און ארום דעם בנין האדיר פון דרויסן ווערט צוגעשטעלט פילצאליגע פארקינג-פלעצער פאר די באי בית המדרש מיט א ברייטקייט און אויסגערעכנטקייט. ווי ס'פאסט פאר אזא צענטראלער בנין פון די געגנט.

זה קלי ואנוהו.

ריזיגער 5,000 סקווער-פיס "היכל התורה" און "אוצר הספרים" וועט אפהילכן מיט קול תורה יומם ולילה דורך תושבי השכונה

ובהיכלו כולו אומר כבוד: רחבות'דיגער היכל גדול ומפואר אינעם צענטראלן בנין הקהלה ווערט דעזיגנירט ספעציעל אלס "היכל התורה", צו אנטוויקלן די הערליכע שכונה פאר א מקום תורה מיט א תורה'דיגער גייסט און אטמאספערע כרצון קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א - אין לנו שיור רק התורה הזאת!

"א בית המדרש אדער א געגנט אן קיין היכל התורה?"...

תהלה לקל יתברך, ס'איז שוין היינט נאטורליך אז יעדע גרעסערע ביהמ"ד אדער געגנט וואס ווערט אויפגעשטעלט פאר קהל עדתינו אנ"ש קומט אינאיינעם מיט א 'היכל התורה', וואו אידן זאלן קענען זיצן און לערנען, כי הם חיינו ואורך ימינו; דאס קומט אדאנק די הייליגע פעולות און פלאמפייערדיגע אומאויפהערליכע התעוררות והתחזקות וואס אבינו רועינו עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א צינדט אן ביים עולם, ודבריו עושה פירות.

"שכונת ויואל משה"; אלס דער קרוין פון אלע געגנטער אינערהאלב דער עיר כלילת יופי "קרית יואל" און אלס דער שכונה המפוארה וואס וועט אי"ה שפרודלן מיט קרוב צו 2,000 משפחות, איז זעלבסטפארשטענדליך אז ס'פארדינט א מעכטיגער היכל התורה וואס זאל דערהייבן דער כבוד התורה במלוא הדרה ותפארתה.

אינעם צענטראלן בנין הקהלה אויף די באר שבע גאס, אויפ'ן גראונד-פלאהר קומט אי"ה א ריזיגער רחבות'דיגער היכל התורה מיט קרוב צו 400 פלעצער; ארומגענומען און באצירט פון אלע זייטן מיט א גיגאנטישער אוצר הספרים פול מיט טויזנטער ספרי קודש, צו ערמעגליכן אז אידן בעה"ב ובני תורה זאלן סיי ווען אימער במשך פונעם טאג, קענען זיצן און לערנען אין א רואיגע אטמאספערע מיט די ריכטיגע הרחבת הדעת.

דער היכל ווערט אי"ה אויפגעבויט גאר רחבות'דיג אין די גרויסקייט פון ארום 5,000 סקווער-פיס, מיט א הויכע דאך, און אויסגעשטאט מיט גרויסע פענסטערס פון אלע זייטן, צו שאפן א ליכטיגקייט און געשמאק.

דער היכל וועט האבן א מאסיווע "אוצר הספרים" מיט טויזנטער ספרי קודש אין אלע ענינים ונושאים פאר לומדי וחושקי תורה צו קענען לערנען און זיך דערקוויקן פונעם רייכן אוצר.

דערנעבן ביים הויפט-אריינגאנג ווערט אויפגעבויט א חדר התפילה, צו ווערן באנוצט פאר מנינים אין אלגעמיינע זמנים ווען ס'איז נישט אין קראפט דער סדר המנינים.

אויף דעם זעלבן שטאק וועט אויך ווערן צוגעשטעלט א גרויסע קאוט-רום, א גרויסע הערליכע קאווע שטיבל, מערערע ביה"כ צימערן און נאך איינריכטונגען לטובת הציבור.

מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי.



צענטראלע גרויסע מקוה כשרה ומהודרה ווערט אהערגעשטעלט צו אקאמאדירן די הונדערטער תושבים אין די געגנט

אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין: גרויסע באקוועמע מקוה מיט הונדערטער פלעצער, עטליכע בורות הטבילה און צענדליגער שאוערס מיט אלע איינריכטונגען אויפ'ן באקוועמסטן אופן ווערט צוגעשטעלט אויפ'ן אונטערשטן שטאק אינעם צענטראלן בנין ביהמ"ד | באזונדערע מקוה טהרה ווערט אהערגעשטעלט אין די געגנט

פאר'ן יסוד טהרת וקדושת ישראל ווערט געלייגט א גרויס געוויכט אהערצושטעלן די צענטראלע גרויסע מקוה אין די געגנט, מיט אלע הידורים און הוראות המסורה לנו, תחת פיקוחו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א און הגה"צ הדומ"ץ דמתא שליט"א.

לויט די פלענער ווערט אי"ה אהערגעשטעלט א גרויסע באקוועמע מהודר'דיגע מקוה אויפ'ן אונטערשטן שטאק פונעם צענטראלן ביהמ"ד גדול דקהל יטב לב אין די שכונה, וואס וועט אי"ה אנטהאלטן הונדערטער זיץ-פלעצער, 2 בורות הטבילה און א גרויסע צאל שאוערס מיט אלע אנדערע געברויכן, אהערגעשטעלט אויף א פראקטישן און באקוועמען פארנעם, וואס זאל קענען אקאמאדירן א גרעסערע ציבור אויפאיינמאל, ספעציפיש בערבי שבתות וימים טובים.

עס ווערט אריינגעלייגט אסאך קאפ און מח אין דעם ענין און מען שטייט אין פארבינדונג מיט מערערע מקוה-אידן און מומחים אין פעלד פון בויען מקוואות, צו פארזיכערן אז די נייע גרויסע מקוה אין דעם געגנט ווערט בעז"ה אהערגעשטעלט דאס מערסטע נוצבאר און פראקטיש, ווצב"ש די אויסשטעל פון די 'עקזאסט-סיסטעם', די הייצונג-רערן אונטער די פאדלאגע און נאך פרטים.

ואלה מוסיף על הראשונים; אין צוגאב צו די גרויסע מקוה ווערט אויך צוגעשטעלט אין די געגנט 2 קלענערע מקוואות אין די קלענערע בתי מדרשים, ולמען טהרתן של ישראל.

אמר רבי עקיב"א אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין!

פולקאמע און דעטאלירטע
מאפע
פון די נייע
״שכונת ויואל משה״

מיט אלע אירע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע איינריכטונגען וואס ווערט אהערגעשטעלט דורך די דעוועלאפער פאר'ן געברויך פון די הונדערטער משפחות

- א בית המדרש הגדול והמפואר
  היכל התורה מפוארת | מקוה מהודרה
- ב לאקאלע בית המדרש און מקוה
- ג גרויסארטיגע ביזנעס צענטער און סופערמארקעט
- ד מהודר'דיגע גדר העירוב
- ה מאסיווע פארקינג לאט
- ו שפיל ערטער
- ז פיס-גייער בריק אריבערגאנג
- ח סעיפטי טרעפיק לייט
- ט וואסער סטארעדזש טאנק



א בליק פון דער הייעך

אויף די בליץ-שנעל'ע אויפבוי פון די שכונה

תשע"ו - תשפ"ב

Drone Footage by: planA DOCUMENTATION & DETAILING

שכר אנשים הוא יברך העוסקים בצרכי ציבור באמונה!

בקהל
עם נשירה
עוזם וביעה רננות
בעד מפעליהם המצויינים,
על אשר נדבו לבם ושמו
דגוש מיוחד לעשות כל
מלאכת הבני' באופן נעלה
ומשובח ביותר בכל ענינים,
ועוד זאת יצאו מגבולם לפנים
משורת הדין ובמסירות נאמנים

לשאת בעול הציבור ולהמציא פעולות רבות וטובות בחפץ לבם הטוב ובסבר פנים, צרכי הרבים ברוחניות ובגשמיות עצהי"ט בכל המובנים

מתוך אחריות מרובה לתועלת ולרווחת הציבור אלפי התושבים אבות ובנים

בנין ביהמ"ד גדול (מיט 7 חדרי תפילה און אלע איינריכטונגען)	**ביזנעס סענטער** (6 שטאקיגער בנין; אפיסעס און געשעפטן)
מקוה גדולה ומפוארה (מיט 2 בורות הטבילה און צענדליגער שאוערס)	**שפיל ערטער** (פאר די קינדערלעך צו שפילן און פארברענגען)
היכל התורה (אריבער 5,000 סקווער-פיס גרויס להרחבת הלומדים)	**פיס-גייער בריק** (פאר די סעיפטי פון די קינדער-געבענטשטע משפחות)
2 בתי מדרשים ומקוואות (קלענערע שטיבלעך פאר די ארומיגע תושבים)	**2 טרעפיק לייטס** (פאר די זיכערהייט פון אלע דורכגייער, קינד און קייט)
סופערמארקעט (רחבותדיגע געשעפט מיט אלע גראסערי פראדוקטן)	**סוער אינטערסעפטער** (פארגרעסערונג פון צענטראלער פייפליין, להרחבת העיר)
פלייש געשעפט (לאקאל בוטשער און דעלי אויפן פלאץ)	**וואסער סטארעדזש טאנק** (צו פארמיידן וואסער-מאנגל אין אנגעשטרענגטע צייטן)
שמחה זאלן (הערליכע זאלן פאר קלענערע שמחות)	**עירוב מהודר** (דיווערהאפטיגע גדר ארום דעם גאנצן שטח)

רבו בוני המלוכה, ותשלם כל המלאכה, דץ הסוחר בראתו, כי נגמרה מלאכתו, כלולת מגדלים נאים, לפי ענין הבנאים

ואמרתם כה לחי, לכו בכחכם זה להמשיך מחיל אל חיל, לבנות ולהקים, שכונה המפוארה!

וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה
הקב"ה ישלם שכרם וישלח ברכה
והצלחה בכל מעשה ידיהם!

מזמור שיר חנוכת הבית נגיל ונשיש, ברכת שהחיינו מברך הבונה בית חדש
זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו כי בא אורך, הנה כי כן גבר יבורך
לו יאה להללו איש אשר רוח בו, אהבת תורה מקשקש כפעמון בקרבו
טוב תורה עם צדקה מכבד את ה' מהון, ידו פתוחה לכל דבר טוב בעוז חביון
ותיק ועושה חסד בפעולות כבירות, לטובת הכלל עושה גדולות ונצורות
בונה בתים נאמנים, על יסודות איתנים, שכונה הקדושה, **ויואל משה**

ה"ה כבוד ידידנו ידיד כל בית ישראל לחן ולכבוד צב"י תפארה, המאור הגדול לממלכת סאטמאר האדירה, שמו הטוב נודע בשערים, רודף צדקה וחסד ע"ץ חיים הוא למחזיקים אשר

את העשירים, לתורה ויראה בונה ומקים בנינים אדירים, ממצדיקי הרבים ככוכבים המאירים, הנגיד המרומם תהלתו בקהל חסידים וישרים

הרה"ח ר'

עקיבא צבי קליין

הי"ו

חבר הנהלת המתיבתא הק' ומייסד חבורת "יסודי התורה" פק"ק קרית יואל יצ"ו

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

הבונה בית חדש מברך שהחיינו, ברוך אלקינו אשר טוב גמלנו, כי עתה ה' הרחיב ה' לנו, אשרי לו ואשרי חבלו, כי בא מועד יום חגיגת לבו לראות ברכה בעמלו, כי ירחיב ה' את גבולו

בפתיחת שערים והנוכת הבית

של שכונה המפוארה אשר משמיא קא זכי לי' להיות מוכה את הרבים לבנותה ולשכללה לשם ולתפארה

שכונת ויואל משה

בתוככי עירנו קרתא קדישא "קרית יואל" יצ"ו

ואתו עמו יבוא על הברכה, שותפו לדבר מצוה, כבוד ידידינו הנכבד וידיד כל הקהל הקודש, שמו הטוב נודע בשערים, המאי"ר לארץ ולדרי"ם, בונה בתים נאמנים, כלילת מגדלים נאים, לפי ענין הבנאים, הרבני הנגיד המרומם

הרה"ח ר' מאיר יעקב אינדיג הי"ו

וצוות הפועלים והאומנים במלאכתם

MYM Management Corp.

אנשי שלומינו דקרית יואל
ANASH United Citizens of Kiryas Joel

קהל יטב לב ד'סאטמאר
נתייסדה ע"י רבינו הגה"ק מהרי"ט ט"ב זצוקללה"ה
בשנת תש"ח
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

שכונת ויואל משה
קרית יואל יצ"ו

קרית מלך רב
אז נעלה, שכן
תשכן בתוך
עם צבי

אין צוגאב צום צענטראלן ביהמ"ד; קלענערע בתי מדרשים ומקוואות ווערט צוגעשטעלט אויף ביידע עקן פון די געגנט

2 הערליכע קלענערע בתי מדרשים און מקוואות אויף די אוסטראה גאס נעבן בעיקערטאון און אויף די פולנאה גאס ביים אנדערן עק (פאזע #3) פאר די באקוועמליכקייט פון די דארטיגע תושבים

שכונת ויואל משה פארשפרעכט בעז"ה אויסצושטייגן אלס אן עיר גדולה לאלקים מיט קרוב צו 2,000 משפחות בליעה"ר, און זעלבספארשטענדליך אז פאר אזא גרויסער געגנט פארלאנגט זיך מערערע בתי מדרשים און מקומות לתורה ולתפלה.

אזוי ווי דער שטח איז גאר גרויס און פון איין זייט צו די אנדערע און אפילו ביז צום צענטער-פונקט פון די געגנט, ווי דער גרויסער צענטראלער שוהל ווערט אויפגעשטעלט אויף די באר שבע גאס, נעמט א לענגערע ווייލע צו שפאצירן, דערפאר האבן די חשוב'ע דעוועלאופער זיך אויך אונטערגענומען אוועקצוגעבן עקסטערע שטחים און דארט אויפשטעלן 2 קלענערע בתי מדרשים און מקוואות וואס וועלן אי"ה שטיין צו פארפיגן פאר די דארטיגע משפחות און תושבים.

די ערשטע קלענערע ביהמ"ד און מקוה ווערט אויפגעשטעלט אין פאזע #1 אויף די אוסטראה גאס, וואס שטייט שוין הערליך גרייט און צוגעריכט לשם ולתפארת צום דינסט פונעם ציבור וואס ציעט זיך אריין אין די יעצטיגע וואכן אין יענע גאסן, און די צווייטע קלענערע שטיבל און מקוה וועט אי"ה ווערן עווענטועל צוגעשטעלט אין פאזע #3 אויף די פולנאה גאס.

ווי באריכטעט פריער, היות ס'נעמט א היבשע צייט אהערצושטעלן דער צענטראלער בנין הביהמ"ד והמקוה אין צענטער פון די געגנט, כאטש וואס די בוי-ארבעט גאלאפירט אין פולסטן שוואונג, איז שוין געווארן אויפגעשטעלט א פראוואזארישע גרויסע ביהמ"ד און מקוה אויפ'ן דערנעבנדיגער שטח פון 14 באר שבע, הארט ביים אריינגאנג פון די סטעיט פאליס ראוד, וואס שטייט שוין גרייט פאר'ן ציבור און איז פולקאם אפען, פתוח לרוחה, פון וואו ס'קלינגט שוין ארויס א קול תורה און א קול תפילה.

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

קאסטבארע גדר אויפגעבויט ארום די גאנצע שכונה פאר'ן געברויך פונעם העכסט מהודר'דיג עירוב בתכלית ההידור

א קאסטבארע, פעסטע גדר איז שוין אויפגעבויט געווארן ארום די ערשטע טייל פון שכונת ויואל משה, און וועט עווענטועל אויסגעברייטערט ווערן אריינצונעמען דעם גאנצן ריזן שטח פון 70 אקער-לאנד, וואס דערמיט ווערט די נייע שכונה אריינגענומען אינעם העכסט-מהודר'דיגן קרית יואל'ער עירוב.

די קרית יואל'ער עירוב איז געבויט לויט אלע שייטות הראשונים וואס נעמט אויך אריין די שיטת הרמב"ם, וואס באדייט אז די שטאט איז ארומגענומען מיט א פאקטישן, פעסטן צוים פון אלע זייטן, און ביי די עטליכע פונקטן ווי עס לויפן דורך די ראודס אריין און ארויס פון שטאט איז פאראן א צורת הפתח בתכלית ההידור, אלעס אונטער'ן אויפזיכט פונעם "ועד העירוב דקרית יואל" ובהדרכת כ"ק מרן רבינו שליט"א און הגה"צ הדומ"ץ שליט"א.

די ארבעט פון אויפבויען דעם צוים און פארענדיגן דעם כשר'ן און מהודר'דיגן עירוב מיט א שטאנדהאפטיגן צורת הפתח ביי די אריינגענג, אהערגעשטעלט דורכ'ן געטרייען עומד לנצח על המלאכה מו"ה יואל מרדכי אינדיג הי"ו, און איז באגלייט געווארן מיט גרויס מומחיות דורך די מפקחים פון די ועד העירוב, און מיט פערזענליכע באזוכן פון הרה"ג רבי אלטר יוסף צבי סופר שליט"א מטעם ועד העירוב, וועלכע לייגן אריין גאר גרויסע כוחות אין די עבודת הקודש צו פארזיכערן די מהודר'דיגקייט און פעסטקייט פונע עירוב.

די גאר קאסטבארע פראיעקט וואס ציעט אריין אין ריזיגע געלטער, ווערט פולקאם פינאנצירט דורך די חשוב'ע דעוועלאפער פון שכונת ויואל משה, ובראשם הרבני הנכבד ר' עקיבא צבי קליין הי"ו, פאר'ן תועלת פון די תושבי השכונה ברוחניות ובגשמיות.

אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב.

הקריה שכונת וויואל משה | ניסן תשפ"ב תתחדש 25

מעגא 6 שטאקיגער "ביזנעס-צענטער" וועט צושטעלן פאַר די געגנט צענדליגער געשעפטן און אפיסעס

פולע שאפינג-געברויכן פאר תושבי השכונה און אייגענע בליענדע עקאנאמיע | גאנצע ארומיגע אינפאסטרוקטשור ווערט פאריכטיג אויספלאנירט צו פארמיידן טרעפיק אין די געגנט פארזיכערן די רואיגקייט פון די איינוואוינער | מאסיווע פארקינג-לאט מיט אריבער 200 פארקינג-פלעצער און 2 באס-סטאפ שעלטערס פון ביידע זייטן

בנוסף צו די רוחניות'דיגע צענטערן אין די שכונה, שטעלט די דעוועלאפמענט צו א פולע עקאנאמישע אינפאסטרוקטשור, וואס וועט בעיקר זיין קאנצענטרירט אינעם נייעם, מעגא און מעכטיגער ביזנעס-צענטער, וואו עס וועלן זיין קווארטירט צענדליגער געשעפטן, ביזנעסער און אפיסעס, בפרט א גיגאנטישער סופערמארקעט.

די איינוואוינער אין די שכונה וועלן האבן אלע וויכטיגע געשעפטן און שאפינג-געשעפטן וואס פעלט זיך אויס פאר אלע סארט טאג-טעגליכע געברויכן, פון עסן, קליידונג, שיך, און אזוי ווייטער נאך פילצאליגע געשעפטן פון אלע סארטן.

דער מעגא-בנין ווערט אויפגעשטעלט דורך די דעוועלאפער און עס גייט אריין אויסנאמליכע קאפ-און-מח עס אהערצושטעלן אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם, האלטנדיג פאר די אויגן סיי די באקוועמליכקייט און הנאה פון די קונדן און די געשעפט-אייגנטימער, און סיי די רואיגקייט פון די תושבים ארום.

טאקע דערפאר וועט אי"ה אויפגעבויט ווערן א ריזן פארקינג-לאט קעגן איבער דעם ביזנעס-צענטער צווישן באר שבע סטריט און נינידזשער ראוד, וואס ברענגט די סך הכל צאל פון פארקינג-פלעצער ארום דעם ביזנעס-צענטער צו ארום 200, כדי אלע איינקויפער וואס קומען צו פארן פון אנדערע פלעצער זאלן האבן גענוג פארקינג און נישט אנלייגן די לאקאלע גאסן. די פארקינג-לאט ווערט געבויט אויף אזא פארנעם אז עווענטועל וועט זיין די מעגליכקייט ארויפצוציען עטליכע פרישע שטאקן פארקינג-לאטס אויב עס וועט זיך אויספעלן.

עקסטערדעם ווערט אהערגעשטעלט 2 באס-סטאפס מיט באס-שעלטערס אויף ביידע זייטן פונעם בנין, סיי אויף די באר שבע גאס און סיי אויף די אנדערע זייט ביי אויסטראה פארקוועי, מיט'ן ציל אז דער עולם זאל קומען מיט די באסעס אנשטאט קארס, בפרט אז די פילע ארבייטער וואס וועלן ארבעטן אין דעם מאסיוון בנין זאלן קענען קומען און אהיימגיין מיט פובליק-טראנספארטאציע און נישט דארפן קומען מיט קיין קארס און קאר-סערוויסעס, וואס וועט שטארק פארגרינגערן די טרעפיק.

וברכתיך בכל אשר תעשה.

גיגאנטישע "סופערמארקעט" אויפ'ן אונטערשטן שטאק פונעם שכונת ויואל משה ביזנעס-צענטער

וועט אויך ענטהאלטן בוטשער און דעלי און נאך אפטיילונגען | טראקינג/קאמערציאלע דעליווערי וועט פונקציאנירן אונטער-דער-ערד פונעם בנין נישט צו שטערן פאר די אנגייענדע טרעפיק ארום

אויפ'ן אונטערשטן שטאק פונעם מעכטיגן ביזנעס-צענטער וועט זיך געפונען דער גיגאנטישער סופערמארקעט פון שכונת ויואל משה, וואס איז ערווארטעט צו זיין א מאסיוו-גרויסע סופערמארקעט מיט א גרויסקייט פון 37,000 ס"פ!

די סופערמארקעט ווערט ספעציעל דעזיינט מיט גאר ברייטע איילס, און א הערליכע אויסשטעל. עס וועט פארמאגן פילצאליגע געשעפטן, אריינגערעכנט א בוטשער און דעלי, צענדליגער רעדזשיסטערס, וואו די איינוואוינער וועלן קומען איינקויפן מיט געשמאק און באקוועמליכקייט אלע געברויכן.

איינס פון די דראמאטישע דעטאלן אויף די פלענער פון די סופערמארקעט איז צו מאכן א פולע "אנדער-גראונד" סטרוקטשור ספעציעל פאר די טראקינג אפטיילונג, אז די אלע דיסטריביוטינג און דעליווערי טראקס זאלן גרינגערהייט קענען אפערירן אן דארפן אנזייען שוועריקייטן אויף די לאקאלע גאסן ארום דעם ביזנעס-צענטער, וואס וועט ברענגען א געוואלדיגע דערלייכטערונג און רואיגקייט פאר די שכנים.

ווי שוין געשריבן וועט ארום דעם ביזנעס-צענטער זיין גענוג פארקינג, און עס וועט אפערירן א פובליק-טראנספארטאציע, וואס וועט אויך שטארק פארגרינגערן מיט די טרעפיק און רואיגקייט פון די געגנט.

די פלענער און בלו-פרינטס פאר דעם ריזן פראיעקט ווערט פארזיכטיג אויסגעארבעט מיט גרויס געניטשאפט דורך א שטאב פון פראפעסיאנאלע פלאנירער, ווען די הויפט ציל פאר די אויגן שטייט די מאקסימום בענעפיטן, הנאה און רואיגקייט פון די תושבים פון שכונת ויואל משה.

להחיות נפש כל חי.

מערערע שטחים אויף אלע ווינקלען פון די שכונה דעזעגנירט פאר קינדער "שפיל-ערטער"

ביים אויספלאנירן דעם ריזן דעוועלאפמענט איז גענומען געווארן אין באטראכט אז די געגנט וועט זיין די היים פאר טויזנטער קינדערלעך בליעה"ר וועלכע וועלן אויפוואקסן אלס געזונטע, ערליכע אידישע קינדער און בעז"ה אנפילן די גאסן, דעריבער איז ספעציעל דעזעגנירט געווארן מערערע ליידיגע שטחים אויף אלע ווינקלען פון די שכונה וואס וועט ספעציעל דינען אלס א שפיל-פלאץ פאר די קינדערלעך.

אויסערדעם וואס די גאסן בכלל זענען אויסגעשטעלט געווארן אז עס זאל זיין גראז און ליידיגע פלאץ ארום יעדע הויז, און פארנט פון יעדע הויז איז איבעראל דא גענוג פלאץ ביזן ראוד זיך צו שפילן, דאך וועט צוניצקומען די ספעציעל-דעזעגנירטע "שפיל-ערטער" פאר די הנאה פון די קינדער און רואיגקייט פון די עלטערן.

די "שפיל-ערטער" וועלן זיין ארומגענומען מיט א צוים, וואס וועט ערמעגליכן ארויסצולאזן קליינע קינדער פרייערהייט.

אשרי ילדתינו.

ערשטמאליג אין קרית יואל:

גאר קאסטבארע און פראקטישע "פיס-גייער בריק" העכער קאונטי-רוט 105

א קאמפליצירטע און טייערע פראיעקט פון מיליאנען דאלארן אונטערגענומען פאר די זיכערהייט און באקוועמליכקייט פון די תושבי השכונה | איסגעארבעט מיט גרויס געניטשאפט עס זאל זיין די מערסטע פראקטיש פאר באנוץ פון קערידזשעס, קינדער, א.א.וו.

היות דער באהעפטונג צווישן שכונת ויואל משה און די איבריגע חלק קרית יואל טיילט זיך מיט א פארנומענע ראוד און אינטערסעקשאן אויף קאונטי-רוט 105, האבן די ווילידזש פלאנירער און אינדזשענירן צום ערשטן מאל אויפגעברענגט דעם געדאנק - פאר די סעיפטי און באקוועמליכקייט פון די איינוואוינער - צו בויען א "פיסגייער בריק" (Pedestrian Bridge), וואס זאל לויפן העכער דעם קאונטי ראוד פון איין זייט ביז די צווייטע, און ערמעגליכן דורכצוגיין אן דארפן אריינגיין אינעם אינטערסעקשאן אונטן.

עס לייגט זיך גרינגער ווי געמאכט. אין אמת'ן אריין ליגט אין די פאר שורות ימ'ען פון ארבעט, שעות און געלט.

כדי דורכצופירן אזא אויסטערלישן פראיעקט פארלאנגט זיך א לאנגע רייע פון עפראוועלס אויף אלע שטאפלען פון די קאונטי און סטעיט רעגירונגען, צו פארזיכערן אז דאס בריק איז זיכער סיי פאר די פיסגייער אויבן און סיי פאר די קארס פון אונטן, ווי למשל אז עס זאל נישט אראפפאלן קיין אייז און שניי פון די בריק, ווי אויך האט די קאונטי פארלאנגט אז די סטרוקטשור וואס האלט דעם בריק זאל זיין גענוג ווייט פון די ראוד, א.א.וו.

א שטאב פון פראפעסיאנאלע אינדזשענירן זענען אויפגענומען געווארן אויסצוארבעטן דעם סטרוקטשור פונעם בריק, וואס דארף נאכקומען א בוך מיט פארשריפטן און פארלאנגען, און ווי אויך אז עס זאל זיין געבויט אויף די מערסט-פראקטישע וועג פאר די געברויך פון די פיסגייער.

די חשוב'ע דעוועלאפער האבן דא אויך ארויסגעוויזן זייער ברייטהארציגקייט און ווילינקייט צוצושטעלן אלעס וואס קען נאר זיין א הילף פאר די תושבים, און האבן אריינגעגאסן די שווערע מיליאנען דאלארן (יא, 'מיליאנען' אזוי ווי איר לייענט) וואס דער פראיעקט קאסט אפ.

די אינדזשענירן האבן אויסגעארבעט אז אויף די זייט פון שכונת ויואל משה וועט זיך די בריק אנהייבן אויבן פונעם בארג, כדי צו פארמיידן פון די פיסגייער צו דארפן ארויפגיין עקסטערע טרעפ, וואס איז א געוואלדיגע הילף, און אויף די זייט פון קרית יואל וועט עס אראפקומען אונטער די טבריה גאס דורך צוויי וועגן, טרעפ און א לאנגע רעמפ ספעציעל פאר קערידזשעס.

דערמיט וועט עס עפענען א גאר גרינגע און פראקטישע וועג פאר משפחות פון שכונת ויואל משה צו קענען אריינשפאצירן אין צענטער פון קרית יואל אן קיין איבריגע אנשטרענגונג און אן קיין סעיפטי-זארגן, און וועט אויך פארמיידן א פארשווערטע טרעפיק פון נאך כסדר'דיגע פיסגייער, אונטן ביים בעיקערטאון אריינגאנג צו קרית יואל.

חמירא סכנתא מאיסורא.



סאפיסטיקירטע טרעפיק-לייט סיסטעמען ווערן אינסטאלירט ביי די 2 הויפט אריינגענג צו די שכונה

טרעפיק-לייט ביים צענטראלן אינטערסעקשאן פון בעיקערטאון\אוסטראה\105 שוין אין קראפט | באזונדערע טרעפיק לייט וועט עווענטועל אינסטאלירט ווערן ביים נינינדזשער ראוד אריינגאנג

די 2 הויפט אריינגענג צו שכונת ויואל משה וועלן זיין צוויי פארנומענע ווינקלען פאר די טרעפיק, און כדי צו פארזיכערן די סעיפטי און שוואונג פון די טרעפיק זענען די דעוועלאפערס אקעגנגעקומען און אהערגעשטעלט פאר אלע קאסטן פאר די גאר-סאפיסטיקירטע און קאמפיוטערייזד טרעפיק-לייט סיסטעמען פאר די וואוילזיין פון די איינוואוינער און פאר אלע תושבי קרית יואל.

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן אז די בעיקערטאון אינטערסעקשאן ביי קאונטי רוט 105 וואלט במילא געדארפט צוקומען צו א טרעפיק-לייט אפילו אן שכונת ויואל משה, לויט די טרעפיק-שטודיעס פון די ווילידזש, אבער דאך האבן די בילדערס פון שכונת ויואל משה באוויליגט אויסצוצאלן דעם גאנצן פראיעקט, היות עס איז ביי די אריינגאנג צו זייער דעוועלאפמענט און איז א קריטישע געברויך פאר די ארטיגע איינוואוינער.

די טרעפיק-לייטס זענען אויסגעארבעט געווארן דורך טרעפיק-אינדזשענירן מיט א סאפיסטיקירטע קאמפיוטערייזד סיסטעם וואס כאפט אויף די טרעפיק אונטן און טוישט די לייטס לויט א סיסטעם וואס וועט די בעסטע פארשנעלערן דעם פארקער.

היות די ביידע ראודס סיי רוט 105 און סיי די פאליס-ראוד זענען קאונטי ראודס, האבן די לייטס געדארפט געמאכט ווערן פונקטליך אויפ'ן פארנעם וואס די אראנדזש קאונטי רעגירונג האט ארויסגעשטעלט און זיי האבן אלעס געדארפט באשטעטיגן.

באזונדערע אינדזשענירונג איז אריינגעלייגט געווארן ביים נינינדזשער ראוד אינטערסעקשאן, נאך ביים אנהייב פונעם פראיעקט ביים אויסשטעלן די גאסן, צו עפענען דעם אינטערסעקשאן אויפ'ן בעסטן סטראטעגישן ארט, וואו מען באקומט די ברייטסטע אויסבליק אויף אלע זייטן, פאר די סעיפטי און זיכערהייט פון די מאטאריסטן.

והודעת להם את הדרך ילכו בה.

היסטארישע פראיעקט איבערצובויען דעם "נארטערן סוער אינטערסעפטאר" דורכגעפירט מיט אן אומגלויבליכן שנעלקייט

וועט ערמעגליכן די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה איבער גאנץ קרית יואל

דער שטאט קרית יואל איז זיך צוזואקסן אויף אן אויסטערלישן פארנעם בליעה"ר, און מען איז געשטאנען נישט ווייט פון אן ערנסטן סוער-קריזיס, מער ספעציפיש די "הידראליק קעפעסיטי" וואס מיינט דאס וואס די פייפס ווערן אויסגעוואקסן, וואס האט אויך אפגעהאלטן אלע נייע דעוועלאפמענטס פון זיך קענען רוקן. ווידער זענען דא אריינגעשפרינגען די שכונת ויואל משה דעוועלאפערס און גענצליך אויסגעצאלט און פאראויסגעשטיפט דעם היסטארישן פראיעקט, וואס איז ב"ה דורכגעפירט געווארן מיט אן אומגלויבליכן שנעלקייט, העכער אלע ערווארטונגען.

די "נארטערן אינטערסעפטאר" איז דער הויפט רער (פייפ) וואס פירט ארויס די מערהייט פון די סוער פון גאנץ קרית יואל אויף א וועג פון 4,000 פיס לאנג אויפ'ן וועג צום הערימאן סוער-פלענט. ביז היינט איז דער רער געווען ארום 15 אינטשעס ברייט, אבער עס איז שוין געשטאנען ביים מאקסימום פון קענען באהאנדלען די געברויך פון אזא גרויסן שטאט, און עס האט זיך קריטיש אויסגעפעלט צו פארטאפלען די ברייט פונעם פייפ.

דאס איז געווען איינס פון די הויפט אישוס וואס האט אין די לעצטערע יארן צוריקגעהאלטן דאס בויען און פארענדיגן נייע דעוועלאפמענטס, און מען האט שוין ארויסגעקוקט בכליון עינים אז דער פראיעקט זאל ענדגילטיג דורכגעפירט ווערן ווייל אין דעם איז געווען אנגעהאנגען די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה איבער דער גאנצער שטאט.

דא זענען קעגנגעקומען די דעוועלאפערס פונעם גרעסטן דעוועלאפמענט "שכונת ויואל משה" און האבן זיך אונטערגענומען אויסצוצאלן דעם גאנצן, מאסיווען פראיעקט פון אינסטאלירן א נייעם רער פון 30 אינטשעס ברייט וואס ציט זיך דעם גאנצן וועג פון די דעעש-פלענט – וואו עס קומט אן די סוער פון גאנץ קרית יואל – ביז'ן פלאץ וואו עס באהעפט זיך צום לאויער מעין-פייפ, וואו עס ווערט געפירט ווייטער צום הערימאן סוער-פלענט, לטובת די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה איבער די גאנצע שטאט.

טראצדעם וואס עס איז א העכסט-ברייטפארצווייגטע אונטערנעמונג, וואס נעמט אריין אומצאליגע פרטים, פלאנירונגען, ארכיטעקטור, באשטעטיגונגען, און צוזאמענארבעט פון פילע קאונטי און סטעיט אגענטורן, דאך איז די גאנצע קאמפליצירטע ארבעט דורכגעפירט געווארן אין א רעלאטיוו-שנעלן פארנעם, פיל שנעלער ווי מ'האט לכתחילה געקענט ערווארטן, און דאס איז אלעס צוליב די פינאנציעלע הילף וואס די שכונת ויואל משה דעוועלאפערס האבן אריינגעגאסן אונטערצויאגן די ארבעט, כדי צו קענען ווי שנעלער ערמעגליכן צו עפענען די טויערן פונעם נייעם שכונה פאר די נייע תושבים.

דאס גיבט אצינד א גרינע ליכט פאר נאך פילע דעוועלאפמענטס איבער קרית יואל, וואס האבן ארויסגעקוקט אויפ'ן נייעם אינטערסעפטאר, און אלע דעוועלאפערס זענען מכיר טוב די ברייטהארציגקייט פון די שכונת ויואל משה דעוועלאפערס פאר'ן אויסצאלן און פאראויסשטיפן דעם לאנג-ערווארטעטן פראיעקט.

כי ירחיב ה' את גבולך.

פילע הונדערטער דירות געהאלטן צו איסנאם-ביליגע פרייזן פון ארום $200 א ס"פ

פרייזן ווערן נישט געטשעפעט טראץ די שווערע זמנים פון קאוויד\אינפלאציע\מאטעריאל-קאסטן

א הערליכע פראצענט פון די מאסיווע דעוועלאפמענט - אזויפיל ווי 732 דירות פון די קרוב צו 2,000 - זענען פארקויפט געווארן פאר'ן שטוינענד-ביליגע פרייז פון ארום $200 א ס"פ, וואס האט געגעבן א געלעגנהייט פאר הונדערטער משפחות צו קענען איינהאנדלען אן עפארדעבל דירה פאר א פרייז וואס איז דראמאטיש נידריגער ווי די מארקעט-פרייז.

די גליקליכע תושבים וואס האבן געקלאוזט אויף זייערע דירות אין די לעצטערע וואכן, זענען אויסטערליש דאנקבאר און פול מיט לויב-=ווערטער איבער'ן איבערראשנדער פאקט אז נישט בלויז האט דער חשוב'ער דעוועלאפער ר' עקיבא הערש הי"ו און זיינע שותפים אוועקגעגעבן אזא גרויסן חלק פון זייער פראיעקט פאר אזעלכע שטוינענד-ביליגע פרייזן וואס איז געווען גאר ביליג אפילו אין יענע תקופה פאר אריבער 5 יאר צוריק, נאר ספעציעל ווערט אויך גענומען אין באטראכט די איבערקערענישן אויף דער וועלט און די פינאנציעלע מארקעט דורכאויס די צייט.

צום ערשט איז מען דורכגעגאנגען א היסטארישע תקופה פון "קאוויד" ווען אלץ און אלעם איז געגאנגען שלאפן. אלע פעקטאריס און פירמעס זענען געווען פארשפארט און די פארשריט אויפ'ן קאנסטרוקציע-סייט האט געדארפט קומען צו א האסטיגן אפשטעל, ווען חודש נאך חודש דארף מען צאלן גרויסע צינזן פאר די ריזיגע קאנסטרוקציע-לאונס, וואס איז ווי פארשטענדליך א גרויסע שאדן פאר א דעוועלאפער אז אזא פראיעקט זאל דארפן בלייבן שטיין אינמיטן אויף א לאנגע צייט.

דערנאך איז געקומען די שווערע אינפלאציע-קריזיס וואס האט ספעציעל שווער באטראפן די קאנסטרוקציע-אינדוסטריע, ווען ממש אלע בוי-מאטריאלן זענען געשטיגן צו אומגלויבליכע פרייזן, ווי למשל אזא וויכטיגע מאטריאל ווי האלץ וואס די פרייז איז געשטיגן מיט כמעט 200% אין געוויסע חדשים.

די מציאות איז געווען אז אסאך אנדערע דעוועלאפמענטס אין אנדערע מקומות זענען געווען געצווינגען צו העכערן די פרייזן פיל מער ווי גערעכנט, ווייל די ארגינעלע פרייזן זענען געווען אוממעגליך אויסצופירן, און עס האט זיך אריינגעצויגן אין קאמפליצירטע הלכה'דיגע שאלות און אנגעצויגנקייטן צווישן די קאסטומערס און די מוכרים.

אבער פאר די ערשטע הונדערטער קונים אין שכונת ויואל משה האט מען טראץ אלע שוועריקייטן און פראבלעמען יא געהאלטן דעם ארגינעלן פרייז וואס איז באשטימט געווארן פון אנהייב, און אפילו די גרויסע פראצענט ספעציעל-ביליגע דירות זענען אויך געבליבן ביי די אומגלויבליכן ביליגן פרייז וואס איז געווען אפגעשמועסט.

בלויז אין די ערשטע פאזע וואס ווערט יעצט פארטיג געפונט זיך שוין א גרויסע צאל פון די עפארדעבל הייזער, און די גליקליכע משפחות זענען שטארק דאנקבאר פאר די חשוב'ע דעוועלאפערס פארן זיך האלטן צו די פרייזן, טראץ אלע שוועריקייטן.

וויכטיגע "וואסער סטארעדזש טאנק" פאר די בענעפיט פון די איינוואוינער

א ספעציעלן, קאסטבארן "וואסער סטארעדזש טאנק" ווערט אהערגעשטעלט אין שכונת ויואל משה ביי די שפעטערע פאזע, וואס וועט פארשנעלערן און פארבעסערן די וואסער-פרעשור איבער דער גאנצער שכונה.

עס מאכט זיך ביי געגענטער אויף העכער בערג וואס אין געוויסע צייטן איז די וואסער פרעשור נישט גענוג שטארק, ווייל די פאמפס זענען איבערגעשטרענגט ווען אסאך מענטשן נוצן עס אויפאמאל, און אזוי אויך קומט בכלל די וואסער שטאטער, דאס פאסירט בעיקר ביי הייזער וואס זענען הויעך אויפ'ן בארג און דארפן צוקומען צו די ספעציעלע פאמפס וואס ברענגען ארויף די וואסער.

כדי צו פארמיידן דעם פראבלעם אין שכונת ויואל משה ווען מען גייט בעז"ה דעוועלאפן די הייזער אויף די עטוואס העכערע גאסן, ווערט אהערגעשטעלט א ספעציעלן וואסער-טאנק וואו עס קומט אריין די וואסער פון די קוועלער און רעזערווארן, און עס איז גרייט ארייניצופליסן שנעל און אומגעשטערט אין אלע הייזער, אן קיין פראבלעמען.

דאס איז א ברייטע באנוס וואס די דעוועלאפערס פון די שכונה שטעלן צו פאר די איינוואוינער, און וועט זיין א שטארקע בענעפיט און הנאה פאר אלע תושבים.

ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה.

מאחורי הפרגוד:

דעטאלירטע שמועס מיט עטליכע אקטיווע מיטגלידער פון די

ווילידזש שטאב

פאקטן, ערקלערונגען, קרישקעלעך איבער באארבעטן און באשטעטיגן די

גרעסטע דעוועלאפמענט אין די היסטאריע פון קרית יואל

א שמחה עצומה נעמט ארום אלע תושבי קרית יואל ווען מען דערלעבט א היסטארישע מאמענט בקורות העיר רבתי עם, מיט'ן ערעפענונג פונעם נייעם, ריזן שכונה, די גרעסטע אין די היסטאריע פון דער שטאט, און מען זעט מיט די אויגן וויאזוי עס ווערט ב"ה נתרבה די גבולי הקדושה אויף אזא אויסטערלישן פארנעם בשטו"מ.

אבער א ספעציעלע פריידיגע שטימונג הערשט אין די ווילידזש אפיסעס צווישן די ווילידזש פירערשאפט, פלאנירער און אינדזשענירן, און שטאב-מיטגלידער פון אלע אפטיילונגען, וועלכע האבן ארייגעלייגט אומגעהויערע כוחות אין די פארלאפענע פאר יאר, און געארבעט האנט-ביי-האנט מיט די דעוועלאפער און בויער פון די דעוועלאפמענט, פאראויסצושטיפן דעם היסטארישן פראיעקט און ברענגען פרישע טויזנטער דירות פאר שלומי אמוני ישראל.

די אויפגאבע פון די ווילידזש באאמטע איז זייער אחריות'דיג און ערנסט, ווייל זיי דארפן זארגן און קוקן מיט א ברייטע בליק אויף די לאנג-טערמיניגע געברויכן פון תושבי קרית יואל, און פארזיכערן אז יעדע דעוועלאפמענט וואס ווערט געבויט אין די גרעניצן פון די ווילידזש איז אויסגעהאלטן פון אלע אספעקטן, און קומט נאך אלע סעיפטי, לעגאלע און פראקטישע מאסנאמען, פאר די תועלת און זיכערהייט פון די איינוואוינער און פאר אלע תושבי העיר.

אנדערש ווי אין אנדערע נישט-אידישע מוניציפאליטעטן וואו עס זיצן קאלטע ביוראקראטן, זיצן דא ווארימע, היימישע אידן, וועלכע זארגן באמת מיט'ן גאנץ הארץ פאר די טובה און עתיד פון יעדן יחיד מתושבי עירינו, און פאר די ציבור בכלליות, און דעריבער ווען זיי ארייינלייגן פיל מער מחשבה און אייפער מיט א אידישן פונק און רצון.

שטייענדיג אין אזא היסטארישע מאמענט ווען נאך אזויפיל כח און מח זענען שוין די מאווינג-טראקס אויפ'ן וועג צו די נייע, הערליכע דירות אין שכונת ויואל משה, זעצן מיר זיך אראפ מיט עטליכע חשוב'ע מיטגלידער פון די ווילידזש-שטאב צו הערן זייערע געפילן און בליק-אויף-צוריק וואס עס האט געמיינט צו ארבעטן אויף דעם גראנדיעזן פראיעקט און ארויסצונאשן ווי מער פרטים איבער דעם דעוועלאפמענט.

■ **יעצט אז מ'זעט שוין ב"ה די שכונה בבנינה, וויאזוי האט זיך עס אויסגעשטעלט כלפי די ערווארטונגען?**

די געפיל איז אויסטערליש דערהויבן און גוט, ווען מיר זעען שוין ב"ה פאר די אויגן א פארטיגן בילד פון פאזע#1- און די תוצאות זענען העכער אלע ערווארטונגען!

צום ערשט מוז ארויסגעברענגט ווערן די שנעלקייט מיט וואס מען האט געבויט דעם דעוועלאפמענט. אין יעדע אנדערע מוניציפאליטעט ארום אונז וואלט אזא גראנדיעזע דעוועלאפמענט גענומען מינימום 15 יאר, אפטימיסטיש גערעדט, צו קענען אריינמופן אין די ערשטע הייזער, און דער חשבון איז פשוט.

בלויז אריבערצוגיין אלע סיקר"ע פראצעדורן, עפראוועלס, און באשטעטיגונגען אויף אלע שטאפלען פון אלע אגענטורן, לאקאלע, קאונטי

און סטעיט, נעמט ארום 6 יאר, און קיין שום אנדערע ווילידזש אדער טאון וואלט נישט געגעבן די פערמיטן אנצוהייבן בויען בעפאר די אלע עפראוועלס זענען אין פלאץ. ד.ה. אז סתם-גערעדט וואלט מען הערשט געדארפט זען דארט דעם ערשטן טראקטאר מיט 2 חדשים צוריק...

אין פאקט איז איינס פון די לעצטיגע קאונטי' באשטעטיגונגען געקומען בלויז מיט געציילטע חדשים צוריק.

קרית יואל האט אבער אן אנדערע מהלך דערין. וויבאלד מיר ווילן זען די וואוקס פון די שטאט און עס ליגט א פליכט צוצושטעלן וואוינונג פאר'ן ריזן ציבור בליעה"ר, האבן מיר שוין באשטעטיגט אנצוהייבן די בוי-ארבעט אפילו סך פאר עס זענען געווען די פילע סארט עפראוועלס. איינמאל עס איז געווען אויף פאפיר די פארטיגע פלענס און עס האט אויסגעקוקט גוט, איז געגעבן געווארן די גרינגע ליכט אנצוהייבן בויען. אזוי ארום האט מען געקענט ארבעטן אויף אלע אנדערע פאפיר-ארבעט בו בעת וואס מ'האט שוין העפטיג געבויט.

דאס קען בלויז אויסגעפירט ווערן דורך א קעגנזייטיגע צוטרוי און נאנטע צוזאמענארבעט מיט די היימישע דעוועלאפערס, ווען עס הערשט א געמיינזאמע פארשטאנד און געפיל אז מען ארבעט נישט בלויז פאר די אייגענע אינטערעסן נאר מען נעמט באמת אין חשבון די טובה פון די קונים און אלע תושבי קרית יואל.

■ וויאזוי זענט איר טאקע צופרידן מיט די מיטארבעט פון די דעוואלאפערס דורכאויס דעם גאנצן פראיעקט?

די ווילידזש האט ב"ה א נאנטע און געמיינזאמע צוזאמענארבעט מיט אלע חשוב'ע דעוועלאפערס און בוי-מייסטערס וואס שטעלן צו הייזער דא אין שטאט פאר'ן עולם. יעדער פרובירט זיך ב"ה צוצושטעלן אויפ'ן שענסטן אופן און מען זעט ביי יעדן די אידישע מדה פון זיך רעכענען שטארק מיט די קונים.

אבער דאך מוז אויסגעדרוקט ווערן די פולסטע שעצונג און אנערקענונג פאר די שכונת ויואל משה דעוועלאפמענט, ובראשם דער בונה ומקים הר"ר עקיבא הערש קליין הי"ו, וועלכער איז קלאר ארויס פון זיין וועג אויף אן אויסנאמליכן פארנעם, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל, נאר דורכאויס דעם גאנצן פארצוייגטן פראיעקט האט ער אלעמאל ארויסגעוויזן די פולסטע גרייטקייט צוצושטעלן וואס-אימער מיר האבן געבעטן, אפילו דאס האט געמיינט צוצולייגן שווערע מיליאנען דאלארן צו די הוצאות.

עס איז אונז געווען א ספעציעלע רואיגקייט און געשמאק צו ארבעטן מיט ר' עקיבא הערש און זיין שטאב, וויסנדיג אז מיר קענען רואיג פארלאנגען אלעס וואס מיר שפירן אז עס פעלט זיך אויס און וועט זיין א תועלת פאר די איינוואוינער, און עס האט זיך טאקע ארויסגעוויזן אז יעדע איינציגע זאך וואס די ווילידזש האט געבעטן האבן זיי זיך תיכף צוגעשטעלט אן קיין שום טענות ומענות.

ר' עקיבא הערש האט מיט א ברייטהארציגקייט און געטריישאפט געגעבן די הסכמה צו יעדע פארלאנג און בקשה, און אפילו זאכן וואס מיר האבן נאר פארגעשלאגן אויף אן אופן פון א הצעה און בכלל נישט פאר א פארלאנג, האט ער אויך תיכף צוגעשטימט, פארשטייענדיג אז עס וועט זיין פאר די בענעפיט פון די תושבים.

■ אפשר קען מען אריינגיין אביסל אין פרטים?

מען וועט אויסשמועסן עטליכע דעטאלן, אן קיין ספעציפישן סדר.

קודם דארף מען רעדן פון די אויסשטעל פון די גאסן און אינפאסטרוקטשור, וואס די נייע שכונה איז אנדערש ווי רוב גאסן אין קרית יואל און ס'איז פנים חדשות באו לכאן.

וויבאלד עס איז אזא גרויסע פראיעקט מיט אזויפיל הונדערטער דירות און בכלל אז מען זעט שוין היינט אזויפיל שוועריקייטן אין קרית יואל זעלבסט וואס די גאסן זענען געבויט געווארן פאר'ן דעמלטסדיגן "שטעטל" אבער קומט נישט נאך די היינטיגע טרעפיק-פארלאנג, האבן מיר געבעטן אז עס זאל זיין עטליכע יסודות'דיגע שינויים אויף די גאסן-אויסשטעל.

ערשטנס כל איז נישט דא כמעט קיין דעד-ענדס.



די גאסן לויפן אין די לענג און אין די ברייט אויף א סיסטעם ווי אין גרעסערע שטעט. ד.מ. אז יעדע גאס איז אפן פוןביידע זייטן און מען קען אנקומען איבעראל דורך עטליכע וועגן. דאס וועט אי"ה פארמיידן אסאך פראבלעמען, ווייל אויב מאכט זיך עפעס אויף איין גאס ווערט נישט קיין טרעפיק אויף אלע גאסן ארום.

און צווייטנס כל איז דא א גרויסע שינוי איבער די ברייטקייט פון די גאסן. רוב גאסן אין קרית יואל איז די ראוד 30 פיס ברייט. אין שכונת ויואל משה זענען די גאסן מינימום 37 פיס ברייט, און די צענטראלע אוסטראה גאס איז 50 פיס ברייט! בנוסף צו דעם האט אוסטראה אן אינזל אינדערמיט פון די ראוד וואס טיילט אפ די ראוד מיט אן אינזל פון גראז און ביימער, וואס איז א מעלה סיי פאר די טרעפיק און סיי פאר די שיינקייט פון די געגנט.

עס קומט אויס אז די אויסטראה גאס האט פאקטיש 2 לעינס אויף ביידע זייטן, און 2 קארס קענען אויפאמאל פארן סיי אויף איין ריכטונג און סיי אויפ'ן אנדערן ריכטונג.

מיר זענען נאכנישט פארטיג! די פארקינג-לאטס איז סטראטעגיש אויסגעשטעלט געווארן אז עס זאל לויפן פאראלעל ביי 2 זייטן פון די גאסן, אנשטאט א פארקינג לאט וואס איז ווי א דרייוועי' פארנט פון די הייזער.

דאס האט אויך עטליכע בענעפיטן. 1) עס מאכט אוממעגליך פאר קארס צו פארקירן ביי די זייט פון די ראוד ביים קירב און שטערן דעם טרעפיק, ווייל ביי די זייט פון די ראוד איז דא א דעזעגנירטע פארקינג-ספעיס וואס נעמט גארנישט אראפ פון די ספעיס פונעם טרעפיק. 2) עס פארזיכערט אז יעדע הויז האט גראז אוןביימער פון פארנט פאר די געשמאק און שיינקייט פון די געגנט. 3) עס מאכט די סיידוואלקס מער פארזיכערט פאר די פיסגייער, ווייל עס איז נישט דא קיין אריינגאנג צו א פארקינג-לאט יעדע עטליכע פיס.

א באזונדערע זאך וואס זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו די פארלאנגען פונעם ווילידזש, און דאס זענען ספעציעלע "שארט קאטס" צווישן די הייזער ביי עטליכע וויכטיגע פונקטן, אז מען זאל קענען שנעלער אנקומען פון איין גאס צום צווייטן און נישט דארפן ארומגיין דעם גאנצן סקווער-בלאק.

פארשטייט זיך אז כדי אויסצושטעלן די גאסן אויף אזא וועג האט דער דעוועלאפער געדארפט אויפגעבן אסאך ס"פ פאר די גאסן, אנשטאט בויען אויף מער שטח און אריינשטיפן מער הייזער, און פאר דעם קומט אים אסאך קרעדיט.

אז מען רעדט שוין פון דעם ווילן מיר איבערגעבן בדרך אגב אז אין דעם ענין פון די טרעפיק קומט אי"ה אויך אסאך פארבעסערונגען איבער גאנץ קרית יואל, אויף וואס די ווילידזש ארבעטן שוין העפטיג א לאנגע צייט.

■ וואס נאך באקומען די שכונת ויואל משה תושבים מער ווי ערווארטעט?

קודם זענען די דירות זעלבסט געבויט געווארן מיט פולע "אפגרעידס" וואס די בילדערס האבן אריינגעלייגט, פשוט צו פארבעסערן די קוואליטעט פון די הייזער. און דאס קענען מיר מעיד זיין אז זיי האבן נישט געזוכט צו גיין ביליג, נאר באמת צוצושטעלן קוואליטעט.

צווישן די פילע אפגרעידס איז אריינגעלייגט געווארן גראניט קאונטעיר-טאפס אין אלע הייזער, אנשטאט די רעגולערע פארמייקא; ספאט-לייטס אין די דיינינג-רום; טייערערע לעקטער קנעפלעך (switches) און סינק Faucets, און נאך.

נאך א זאך וואס איז אריינגעלייגט געווארן איז ווענעטיס אין די לאנדרי-רום, א זאך וואס כמעט קיין איין אנדערע בויער גיבט נישט. דאס אלעס איז ער בכלל נישט געווען מחויב און איז ארויס פון זיין וועג סיי פאר די שיינקייט פון די געגנט.

פאר די הנאה פון די איינוואוינער.

און ועל כולם קען מען נישט אויסלאזן די ריזיגע בנינים און פובליק-צענטערן וואס דער דעוועלאפער בויט אויף פון זיין אייגענעם טאש פאר די הצלחה פון די געגנט, ווי די ריזיגע בתי מדרשים, מקואות, ביזנעס-צענטער, וואס איז נישט סתם געגעבן א "קאמיוניטי רום" וואס מען איז מחויב, נאר איז פילפאכיג מער סיי אין די קוואנטיטעט פון ס"פ און סיי מיט די קאפ, מח און געלט וואס איז אריינגעגאסן געווארן אז עס זאל זיין פראקטיש און געשמאק פאר יעדן איינעם, לשם ולתפארת.

און אז מען דערמאנט די פילע בענעפיטן וואס די דעוועלאפער זענען ארויס פון זייער וועג לטובת די ארטיגע תושבים, זענען מיר אויך מחויב צו דערמאנען די געוואלדיגע טובה וואס ר' עקיבא הערש האט געטון פאר גאנץ קרית יואל מיט עטליכע ריזיגע פראיעקטן וואס וואלט סיי-ווי געדארפט געטון ווערן און ער האט עס גענומען אויף זיך.

צווישן זיי ציילט זיך די גרויסע פראיעקט פון די סוער-נארטערן אינטערסעפטאר וואס ער האט אויסגעצאלט און מסדר געווען דעם גאנצן איינריכטונג, א פראיעקט פון שווערע מיליאנען דאלאר, און די טרעפיק-לייט ביים בעיקערטאון אינטערסעקשאן וואס האט אפגעקאסט איבער א האלב מיליאן דאלאר.

■ זעלבסטפארשטענדליך, אז דאס זענען בלויז עטליכע נקודות אויפ'ן שפיץ גאפל, ס'איז שווער צו שילדערן די גאנצע קאמיוניקאציע דיאלאג הין-און-צוריק פון א צירקע פון 5 א האלב יאר.

מיר געזעגענען זיך מיט א ברכה פאר די געטרייע חברי הנהלת הקריה: ויהי רצון שתשרה ברכה במעשה ידיכם מיט אלע ווייטערדיגע פראיעקטן, גם להבא זאל הערשן אזא צוזאמארבעט לענגאויס אלע פראיעקטן אין די שטאט, וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם, בכוחו ובזכותו של אותו זקן רביה"ק מייסד עירינו זי"ע, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו בקרוב.

בס"ד

ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל
מ'סאטמאר קרית יואל יצ"ו

על בשורות טובות אומר ברוך הטוב והמיטיב לקל המושיע
קול מבשר ואומר "שכונת ויואל משה" פתוחה, זממו הטוב זכה להפיק
יעד כוחו לעשות רצון קדשו ולהרים כבודו בתוככי קרית עוזו עיר כלילת יופי
בונה ומקים בנינים אדירים לעדרי צאן קדשים בנדבת לבו הטוב
אשרי שומרי משפט עושה צדקה בכל עת תמיד בתדירא
צהלתו ושמחתו להגביר חיילים ולהרבות פעלים לתורה בקרב הארץ
ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת יקרה מפנינים ומפז רב
יום ליום יביע אומר ויחוה דעת כל זה אינו כדאי

עם שמחת ידידינו שמחים כולנו יחד הורי מוסדותינו כי יומא טבא הגיע
קדושת רביה"ק זי"ע אשר לשמו ולזכרו נקרא השכונה עמדה לו לימינו בלי ספק
יום ולילה לא ישבות לרומם ממלכת תורה ויראה בסכומים אדירים עד בלי די
בעל צדקה וחסד ומפליא גדולות ונצורות בפעולות לרוב
אוהב מצוות לא ישבע לכל דבר שבקדושה לבית סאטמאר קהל קדישא יקירא
צב"י וחמיד לעשות רצון צדיק כ"ק מרן רבינו שליט"א וכצב"י וכאיל ירוץ
בריח התיכון ופטרון חבורת "יסודי התורה", עץ חיים הוא להעוסקים בחוקי חורב
ידו נטויה עוד להיות מעלה בקודש להרחיב גבולי הקדושה עד בלי די

ה"ה כבוד ידידינו ומוקירינו הרבני הנגיד המרומם, הנדיב הנעלה, עושה צדקה וחסד,
איש אמונות יקר לבב, איש חיל ורב פעלים לתורה וליראה, כתר שם טוב הולך לפניו

מוה"ר

עקיבא צבי קליין

הי"ו

חבר הנהלת מתיבתא הקדושה ופטרון חבורת יסודי התורה שע"י קהלתינו הק'

מראשי בוני ופטרוני ממלכת מוסדותינו הק'

וְנָתַתִּי לוֹ בְּבֵיתִי וּבְחוֹמֹתַי יָד וָשֵׁם טוֹב מִבָּנִים וּמִבָּנוֹת שֵׁם עוֹלָם אֶתֵּן לוֹ אֲשֶׁר לֹא יִכָּרֵת

אשריך רבי עקיב"א שנתפסת על דברי תורה, הוא הגבר הוקם עולה של תורה ויראה, נמנה מראשי הנדבנים והפטרונים
להחזקת מבצרי מוסדותינו הק', ורב לו יד וחלק להרחיב גבולי הקדושה להעמדת יסודות איתנים להמשכת הדורות

בהקמת מבצרים אדירים ומפוארים לחינוך
הבנים והבנות ואולם גדול ומפואר לחתונות

מזל טוב יענו כל העם העומדים בעזרה, עת הזמיר
הגיע לראות ברכה בעמלו לחן ולכבוד צב"י תפארה

בחנוכת ופתיחת שערי
"שכונת ויואל משה"

לשמחת לבם של מאות משפחות ותושבים בהוה ובעתיד, ולכל הקהל הקודש הזה השמחים בהצלחתו לראות בפריחת הקרי' והרחבת גבולי', עלינו ועל דורותינו

קל מלך נאמן יברכו בכל הברכות האמורה בתורה הראוי להאי תומך ומחזיק
לאורך ימים ושנות חיים יזכה להמשיך בפעולותיו ויצליח בכל צעד ושעל
יהי שלום ושלוה בחילו ובגבולו ויזכה לישב על מי מנוחות כל הימים עד בלי די
ישאב רוב נחת דקדושה מיוצ"ח זרע ברך ה' לחן ולכבוד צב"י תפארה כל ימי חי
נרו יאיר ויזרח כאור השמש במזרח בכל ענין וקנין

קבל נא את ברכותינו הנאמרות מקרב לב עמוק
לעולם לא יחסר לו כל טיב וטוב, אלה וכאלה ישפעו לו משמי מעל
ישלם ה' פעלו ותהי משכורתו שלימה מעם ה' אלקי
יגן עליו ולביתו זכות רבותיה"ק זצ"ל בכל עת תמיד לילי ויומי
נשמח כולנו ובראשינו מלכינו במהרה, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

ביום ההוא יהיה צמח ה' לצב"י ולכבוד ופרי הארץ לגאון ולתפארת

אלה הדברים, ברגשי ידידות והערצה
נאמרים, בשם אלפי ההורים וכל העדרים

הנהלת המוסדות
קרית יואל

Project by:
compass
Strategies · Campaigns · Events